בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קמ"ה

יו"ל: ג' אלול ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #145**

# תוכן השיעור

**ווען ווערט דאס שוין זיין?**
**א טעות געהאט...**
**נאכגעלאפן מיטן בעזעם...**
**די ספרים ציהט...**
**"דאס קען איך נישט אויסרופן!"**
**"להיות עקשן" / "לא להתעקש"**
**זיי מאכן אים מיד**
**'תיפח עצמן של מחשבי קיצין'**
**מאך נישט קיין חשבונות**
**וואס וויל איך קויפן?**
**"וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ"**
**קיין 'פארפאלן ווערן' איז נישטא**
**"רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה"**
**הסתלקות המגיד**
**"דער עמדינער איז אַן אמת'ער צדיק!"**
**איינגעבאַקן**
**באַשיינען, אבער נישט פאַרפּוצן**
**אט דאס האט ער געמיינט!**
**אנהויבן פונדאָסניי**

בס"ד

# פרשת שמיני (ח"ג)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 158#)

## ווען וועט דאס שוין זיין?

דער רבי רעדט דארטן אין דער ערשטער מעשה[א], פון דעם "שני למלך", אז פריער איז געווען (- האט ער באגעגנט) דארטן א שַׂר - א גרויסער מענטש - דער ממונה איבער אלע עופות, און איבער אלע חיות. דער לעצטער - דער וואס האט טאקע געבראכט און אפגעפירט דער 'בת מלך' דארטן צו דעם גאלדענעם בארג און דעם פּערלענעם שלאס - דאס איז געווען דער ממונה איבער אלע ווינטן; איין ווינט האט זיך געשפעטיגט, ווייל ער האט אפגעבראכט דער בת מלך (עיין שם כל הסיפור).

דער רוח הצדיק דאס האט אוועקגעפירט צוריק דער בת מלך אויף דעם ארט וואו זי דארף זיין!

דער ממונה פון די ווינטן איז געווען א גרויסער מענטש; גרויסע מענטשן - גרויסע צדיקים זענען זיי געווען![ב]

דער שני למלך; "שנ"י" מאכט ש'ורש נ'שמות י'שראל! דאס איז נישט קיין קלייניקייט - דאס איז דער אנדערער פון דעם מלך[ג].

די מעשה איז דאך נישט פון איין דור, די מעשה איז פון כמה דורות, די מעשה האט זיך אנגעהויבן באלד פון די בריאה אָן ביי דער 'פגם הלבנה' וואס דער אויבערשטער

---

[א] מאבידת בת מלך - מעשה א' מספה"ק סיפורי מעשיות.

[ב] עיין רמזי המעשיות להרב מטשעהרין.

[ג] עיין הקדמה שניה של סיפורי מעשיות; וברמזי המעשיות שם.

קריגט זיך (כביכול) מיט די לבנה; און בשעת משיח וועט קומען וועט מען געפינען צוריק די בת מלך, עס וועט ווערן צוריק צונויפגעשטעלט, איז עס א מעשה וואס האט זיך אנגעהויבן פון קודם הבריאה, און ענדיגן ענדיגט זי זיך ווען משיח וועט קומען[ד].

אלע מעשיות זענען אזוי; די מעשה פון דעם "בערגער מיטן עני"[ה] - ווען וועט ווערן דער בערגער - דער מלך? און ביי דער "בן המלך ובן השפחה שנתחלפו"[ו] - ווען וועט דער בן המלך אויסשטעלן דער שטול? אלץ וועט זיין ווען משיח וועט קומען! די אלע דורות דאס איז אלץ די איבערגייעכץ.

נו, מיט דעם כח פון דעם צדיק ווייסן מיר אז מיר געפינען זיך נאך אינדערמיט, אבער מיר זענען שוין נענטער צום סוף, מוזן מיר זיך אנהאלטן אין דעם אמת'ן צדיק.

דער רבי זאגט דארט (- מעשה א'): דער סוף איז געווען, "ער האט זי געזוכט ביז ער האט זי געפונען; היינט דערציילט ער ווי אזוי ער האט זי געזוכט ביז ער האט זי געפונען!". דאס איז אבער דער רבי 'שוין' מודיע, אז ער האט זי געפונען.

אזוי אויך אין דער מעשה פון דעם "בן מלך ובן שפחה שנתחלפו"; אז יענער האט גענומען פון דעם זאק ברויט און זיך שוין פארקויפט פאר אים פאר אַן אייביגן קנעכט, איז ער שוין געוואויר געווארן אז יענער איז טאקע דער 'בן השפחה', האט ער טאקע געזאגט: "איך וועל שוין וויסן ווי אזוי זיך צו פירן מיט דיר".

אבער דערווייל איז נאך גארנישט דא, דערווייל גייען זיי נאךביידע מיט די ברויט, שנארערס, שלעפערס; נאר שפעטער דארטן, ווייטער ווייטער, ביז עס איז געווארן אומגעקערט צו דער מדינה דעם ערשטן נאמען, און ביז עס איז געווארן צונויפגעשטעלט דער שטול, און די שטול האט אנגעהויבן שפילן דעם וואוילן ניגון, דעמאלט איז געווארן אזוי ווי מען דארף.

---

[ד] עיין הקדמה שניה של סיפורי מעשיות; גם עיין עלים לתרופה במכתב שכתב מוהרנ"ת בדרכו לארץ ישראל מיום ד' כ"ו ניסן שמיני ג' ה'תקפ"ב, אדעס.

[ה] מעשה י' מספה"ק סיפורי מעשיות.

[ו] מעשה י"א מספה"ק סיפורי מעשיות.

איז ווען וועט דאס זיין עס זאל נשלם ווערן דער כסא ה' - די שטול? אז "תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק", דעמאלט וועט דאס ווערן. געווענליך (- כמובן) דער "אין שמו שלם"[ז] מיינט מען דעם שם (הוי"ה); דער "כִּי יָד עַל כֵּס יָ"הּ"[ח] איז בלויז א האלבער שם; די אנדערע האלב שם וועט נשלם ווערן ווען עס וועט ווערן "תמחה את זכר עמלק"[ט].

עס איז דא א שם: חב"ו, דאס איז פון די ע"ב שמות. (ר' נחמן בורשטיין: עס גייט ארויס פון דעם פסוק "ח'יל ב'לע ו'יקאנו") יא יא[י]; "כִּי בָ'חַ'ר ה' בְּ'צִיּוֹן אִוָּ'הּ לְמוֹשָׁב לוֹ"[יא] - פון דעם פסוק גייט אויך ארויס דער שם 'חב"ו'[יב].

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: איצטער אידער משיח איז נאך דער ו' נישטא, נאר דער ח' ב', ממילא שלינגט ער און ער שלינגט (- ח'יל ב'לע), אבער צום סוף וועט ער אלץ מוזן אויס'מקיא'ענען (- ו'יקאנו).

די גמרא זאגט דארטן[יג], א פסוק איז דא[יד]: "תַּחַת הַנְּחֹשֶׁת אָבִיא זָהָב וְתַחַת הַבַּרְזֶל אָבִיא כֶסֶף". זאגט די גמרא: "תחת רבי עקיבא וחביריו" וואס זיי האבן אויסגע'הרג'עט - וואס ווען זיי דעמאלט אפצאלן?! וואס קענען זיי דערויף אפצאלן?! אז ער וועט נאר אנהויבן מקיא'נען - וועט ער דארפן אויס'מקיא'נען וואס ער האט אלץ איינגעשלונגען פון אנהויב די בריאה אָן!

ווער האט געמאכט דעם עץ הדעת? ווער האט געמאכט דעם עגל? אלץ איז דאך דורך אים, אלץ איז ער דער מסית ומדיח! וועט ער מוזן אלצדינג אויס'מקיא'נען. דעמאלט וועט צוקומען דער ו', דעמאלט וועט נשלם ווערן דעם שם ה'.

---

[ז] תנחומא תצא פ' י"א.

[ח] שמות יז, טז.

[ט] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אות מ"א, על פי מעשה זו.

[י] עיין פרי עץ חיים - שער העמידה פרק י"ט.

[יא] תהלים קלב, יג.

[יב] עיין שערי ציון - שער ג', תיקוני תפילות, וכדלהלן.

[יג] ראש השנה כג.

[יד] ישעי' ס, יז.

(ר' נחמן: ווי אזוי גייט ארויס דער שם פון דעם פסוק "כי בחר ה' בציון"?) דארטן איז דא דער שם חב"ו אין געכאפטע ווערטער - עס ווערט געברענגט אין "שערי ציון". "כי בחר ה' בציון אוה למושב לו"; פון 'בחר' - דער ח', פון 'בְּציון' - דער ב', פון 'אוה' - דער ו', איז דאס דער שם חב"ו'. דארטן איז דא צוויי און זיבעציג פסוקים וואס אין יעדער פסוק איז דא א שם פון די ע"ב שמות. פון אר"י הקדוש איז דא תפילות - אויף יעדן טאג א שטיקל.

❖ ❖ ❖

## א טעות געהאט...

(ר' נחמן: איך האב געהערט אז ר' חאצקל לובלינער (מאנדלאייל), ער צו זיין ברודער (שמואל אליהו), איז אמאל געפארן קיין אומאן פון פוילן, איז ער פשוט אריינגעגאנגען אין דעם מתנגד'ישן קלויז, פרעגט ער: "וואו איז דער ברסלב'ער קלויז?", האבן זיי אים געזאגט: "וואס-וואו?" איז ער געפארן קריק אהיים... ער איז שוין געוועזן לעבן דעם קלויז. זיבעצן יאר ארום איז ער נאכאמאל געקומען און ער איז שוין געפארן גלייך אהין. האט ער געזאגט: "זיבעצן יאר האבן זיי מיר אפגעריסן פון דאס חיות!") איך האב אים געזעהן!

ווען דער (ר' ישראל) קארדונער איז געקומען קיין אומאן, האט ער געהערט "ברסלב". און עס איז דא א שטאט "באסלוב", דאס איז לעבן קיעוו [ר' שמשון אהרן (פולאנסקי) דער טעפליקער רב איז געוועזן פון דארטן], דארט איז געוועזן א שטאט פון מתנגדים. האט ער (ר' ישראל קארדונער) נישט געוואוסט, ברסלב/באסלוב. איז ער געקומען דארטן קיין באסלוב, א שטאט פון מתנגדים, האט ער שוין געזעהן אז דארט איז נישט דער פלאץ, ער האט א טעות געהאט...

אסאך מענטשן זענען געוועזן וואס זיי זענען געקומען קיין אומאן און זיי זענען געווארן אפגעריסן אין אומאן ווייל זייי האבן אריינגעטרעטן אין אנדערע ערטער און מען האט זיי אפגעריסן; אז ער איז געקומען מיט נאך איינעם, איז ער גלייך אריין אין קלויז.

עס איז דאך געוועזן אסאך שולן דארטן, זיי זענען געגאנגען אין די שולן (מהמתנגדים. ושם אמרו להם:) "וואס-ווען?!" - האט מען זיי אפגעריסן... יענער קומט דאך איצט, ער ווייסט דאך נאך נישט וואס, און מען דערציילט דארט אזעלכע מעשה'ס, אזעלכע ווערטער רח"ל, פארט ער אוועק קריק.

דער רבי זאגט דארט אין די תורה[טו]: דער 'כח המכריח' נעמט זיך פון 'דיבורים מיט מעשים'; מענטשן וואס מיט זייערע 'דיבורים' און זייערע 'מעשים' זענען זיי מכריח 'בני אדם' אים אפצוהאקן און אים דערווייטערן פון דעם צדיק. ווערליג דער 'כח המכריח' - אזוי ווערט ער דערווייטערט פון דעם צדיק. אבער אז עס וועט זיך אפלאזן דער כח המכריח, וועט ער זיך צוריקציען און זיך מקרב זיין צום צדיק.

דער רבי זאגט דארט: דער משכן האט געהאט אין זיך א 'כח המושך' - צוציען צו זיך אלקות - דארטן וואו דער משכן איז געשטאנען (עיין שם בפנים).

(ר' נחמן: "זיבעצן יאר!" - אזא כח המכריח! דאס איז געווען ביי חאצקל צו ביי זיין ברודער?) איך ווייס נישט ביי וועמען עס איז געווען. (ר' נחמן: דעם ברודער האט איר געקענט?) אין לובלין האב איך אים געזעהן.

❖

## נאכגעלאפן מיטן בעזעם...

(ר' נחמן: איר האט דערציילט אמאל א מעשה וואס איז געווען ביים רבי'נס יארצייט -) מיר האבן געהאט איינעם ר' שלמה'לע אין לובלין. דער ר' שלמה איז געווען אַן גדול פון אונזערע לייט, ער האט געהאט אביסל אזא הינקעדיגע פוס, און ער האט געהאט א ווייב אַן אך אך...

אנהויב התקרבות בין איך געווען אכט טאג אין לובלין, עס איז געווען דארטן אונזערס א שטיבל, בין איך געזעצן א גאנצן טאג דארט אין דעם שטיבל. קוק איך איינמאל ארויס דורכן פענסטער, זעה איך איינער א איד לויפט מיט א הינקעדיגע פוס

---

[טו] ליקוטי מוהר"ן סי' ע': וְהִנֵּה הָיָה רָאוּי שֶׁיִּמָּשְׁכוּ כָּל בְּנֵי אָדָם לְזֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל. אַךְ עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, מַפְסִיקִין וּמַרְחִיקִין מִמֶּנּוּ. הַיְנוּ, שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם, **שֶׁעַל יְדֵי דִּבּוּרָם וּמַעֲשֵׂיהֶם, הֵם מַכְרִיחִים אֶת בְּנֵי אָדָם לְהַפְסִיקָם וּלְהַרְחִיקָם מֵהַצַּדִּיק** הַנַּ"ל. וּלְפִי כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, כֵּן מַרְחִיק מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל. **וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּפְסִיק כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, יַחֲזֹר וְיַמְשִׁיךְ עַצְמוֹ וְיִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק** שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר כַּנַּ"ל. כִּי כְּשֶׁיַּפְסִיק הַמַּכְרִיחַ, יָשׁוּב לְהֶעָפָר לְהַצַּדִּיק הַנַּ"ל, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מֵהַצַּדִּיק, מֵחֲמַת שֶׁהֵם עֲדַיִן בְּכֹחַ הַמַּכְרִיחַ הַמַּרְחִיק אוֹתָם, אֲבָל אַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּפְסִיק כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, יַחְזְרוּ וְיִתְקָרְבוּ כַּנַּ"ל.

- און א אידענע לויפט אים נאך מיט א בעזעם אין דער האנט - און ער לויפט ארויף די טרעפ...

איך האב פארשטאנען אז ער וויל ארייגגיין דא, האב איך געמיינט ער וועט כאטש צוהאקן דער טיר פריער. איז ער אריין, און זי דערנאך, האט זי אים געגעבן איבערן קאפ מיטן בעזעם... די גאנצע גאס איז ער געלאפן - און זי איז אים מיטן בעזעם אין דער האנט נאכגעלאפן.

(ר' נחמן: ער איז אריינגעלאפן אין שול אריין?) יא, אבער זי איז אויך אריין; איך האב געקענט צומאכן דער טיר? איך האב נישט געקענט, זי האט זיך אריינגעריסן... דאס איז געווען דער ר' שלמה'לע, אזא מין ווייב האט ער געהאט. פארשטייסט?!

נאכדעם האט מען מיר דערציילט ווער דער ר' שלמה איז, ער איז געווען א צדיק, א איד א צדיק!

אזא מין אשה רעה האט ער געהאט, אים נאכגעלאפן אין לובלין, א גרויסע גאס, מיט א בעזעם. ער איז געווען א הינקעדיגער, ער האט נישט געקענט אזוי לויפן.

איז געווען אמאל ביי דעם רבי'נס יארצייט - אזוי דערציילט מען - האבן זיי אים געזעהן ביי דער סעודה. האט מען אים געפרעגט: "שלמה'לע, וואס טוסטו דא, דו ביסט דאך שוין געשטארבן?!" - "נו, טאר מען נישט קומען צום רבי'נס סעודה?!".

(ר' נחמן: ווער האט אים געזעהן?) איינער פון די לובלינער. נאך זיין הסתלקות האט מען אים געזעהן זיצן ביים טיש.

"שלמה'לע, וואס טוסטו דא, דו ביסט דאך שוין געשטארבן?!" - "טאר מען נישט קומען צום רבי'נס סעודה?!"

(אחד הנוכחים: מן הסתם דער וואס האט אים געזעהן איז אויך געווען א העכערער מענטש!) אוודאי.

(ר' נחמן: ר' יודעלע איז דאך אויך געווען א לובלינער, און ר' שלמה דער ברודער איז אויך געווען א לובלינער) יא יא, איך געדענק זיי אלע פון לובלין. דא האב איך זיי שוין נישט געטראפן.

**ר' יודעלע איז שוין נישט געווען דא, נאר פון לובלין געדענק איך אים גוט. ר' שלמה געדענק איך אויך גוט, ער פלעגט קומען אויף ראש השנה[טז].**

(השואל: ווער איז געווען דער וואס מען האט אים געזעהן ביי 'זכור ברית'?) **דאס איז געווען ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס - ער פלעגט דאווענען די מנחה פון ערב ראש השנה[יז].**

❖ ❖ ❖

## די ספרים ציהט...

**דער רבי איז א 'כח המושך'! נאר וואס דען? עס איז דא א 'כח המכריח' וואס שלעפט אוועק; כל זמן דער 'כח המכריח' איז נאך דא, שלעפט עס אוועק.**

(ר' נחמן: זיי שרייען - די מתנגדים - "מען טאר נישט קוקן אין די ספרים - עס ציהט!" - אוודאי ציהט עס, עס איז דער 'כח המושך'... "משכנו אחריך נרוצה"!) **מען זעהט דאך פארט, דעם רבי'נס זאך - ברוך ה'! מען שעמט זיך נישט פאר אנדערע! ברוך ה' - א שיינער עולם! שיינע יונגעלייט, ברוך ה'!**

**דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[יח]: "אז ער פארלייגט זיך אויפן וועג און לאזט מיר איבער א קליין שטעשקעלע, לאז איך אים - כאטש עס איז שווער; אבער אז ער פארלייגט זיך אינגאנצן - נעמט מען אים צו!".**

---

[טז] הלא המה האחים: ר' יהודה, ואחיו ר' שלמה זלמן זילבערמאן. מבין אנשי שלומינו שבפוילן מלובלין, מהמקורבים הראשונים ע"י ר' יצחק ברייטער. הגדול מבין האחים היה ר' יודל, צדיק ולמדן, בצעירותו היה ממקורבי ביתו של הגאון הק' רבי צדוק מלובלין זצ"ל. הם נסעו עם ר' יצחק ברייטער במסעו השני לאוּמַן לקראת ראש השנה תרס"ז. בשנת תרפ"ג עלה ר' שלמה לארץ ישראל. בשנת תרצ"ז עלה גם ר' יודל לארץ ישראל. נהרגו מהפגזים במלחמת שנת תש"ח, ביום ל"ג בעומר, הי"ד. (שער ברסלב)

[יז] עיין טעם זקנים קונטרס ס"ה: אז דער ר' נחמן איז נפטר געווארן, איז אַן אנדערער געגאנגען דאווענען מנחה (ערב ראש השנה). האבן זיי א פרעג געגעבן: **"פארוואס דאווענט נישט ר' נחמן מנחה?"**, (ענו לו:) **"ער איז נפטר געווארן!"**, (שאל הנ"ל בתמיה:) **"איך האב דאך אים געזעהן שטיין ביי סליחות אין שול?! 'זכור ברית' האב איך אים געזעהן שטיין אין שול!"** - דער וואס האט אים געזעהן. דאס איז געווען נישט 'סתם אזוי' - עס איז געווען פון אונזערע לייט פון די 'גדולים' די וואס האבן דאס געזאגט.

[יח] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, אות רפ"ו. עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' ר"ח עה"פ "צופה רשע לצדיק" וכו', עיין שם.

ווייזט אויס אז גרויסע וועגן לאזט מען אונז נישט איבער - נאר א קליין שטעשקעלע; דו שטופ זיך - וועסטו קענען דורכקומען.

דאס איז אזא מין סארט התקרבות וואס קיין גרויס כבוד וועסטו נישט האבן דא, און גרויסע וועגן לאזט מען נישט איבער, נאר מוטשע זיך, אביסעלע, אביסעלע. דאס ביסל לאזט מען נישט פארשטעלן אינגאנצן, אביסל בלייבט איבער; נאר דער אויבערשטער העלפט אז פון דאס ביסעלע קען ווערן א גרויסער וועג - עס קען ווערן א גרויסער וועג פון דאס ביסעלע.

**איז אויך דאס אייגענע, דאס ביסעלע דארף זיין ביי מיר זייער חשוב!**

(ר' נחמן: ביי דער הכנסת ספר תורה[יט] זענען געשטאנען אידן - "ווי פאַסט דאס פאר ברסלב? ברסלב זאל קענען עפעס באווייזן אזא זאך, אזא כח, אזא עולם, אזא שמחה?!") **ברוך ה', א נקודה פון שמחה איז נאר דורכן רבי'ן! א נקודה פון אמת'ע שמחה איז נאר דורכן רבי'ן! אז נישט, איז ממש "וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה?!"[כ].**

(אחד הנוכחים: פרעמדע האבן געזאגט אז עס איז נאך נישט געווען אזוינס) **יא יא, אסאך מאל איז געווען הכנסות ספרי תורות, נאר אזעלכעס איז נישט געווען.** (אחד הנוכחים: דער שפילער האט געזאגט, ער האט נאך נישט געזעהן אזוינס!).

עס האט זיך ארויסגעוויזן אַן אהבה פון אידן צו די תורה הקדושה, אַן אהבה טאקע פון דעם רבי'ן, א נקודה פון דעם רבי'ן.

עס איז געווען אין דעם טאג פון דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס יארצייט.

❖ ❖ ❖

---

[יט] כוונתו להכנסת ספר תורה שהתקיימה ביום כ"א אדר ב' תשל"ו בבית מדרשנו הגדול במאה שערים, ע"י רלוי"צ - לעילוי נשמת בנו ר' משה בענדער ע"ה.

[כ] קהלת ב, ב. עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ו, אות כ"ז: **כִּי בֶּאֱמֶת כָּל כֹּחֵנוּ וְחִיּוּתֵנוּ עַתָּה בְּעֹמֶק הַגָּלוּת הַזֶּה שֶׁמִּתְגַּבֵּר הָעַצְבוּת וְכוּ' כַּנַּ"ל, הוּא רַק עַל יְדֵי נְקֻדַּת הַשִּׂמְחָה שֶׁמַּמְשִׁיכִין עָלֵינוּ גְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים בִּבְחִינַת יַעֲקֹב בְּהַשָּׁגָתָם הָעֲצוּמָה.**

# "דאס קען איך נישט אויסרופן!"

קיין ליזענסק פלעגן דאך פארן אלע אונזערע מענטשן דארטן צום רבי'ן ר' אלימלך אויפן יארצייט.

(אחד הנוכחים: נעבן שול וואוינט איינער ר' מיכל יערוסלאוויטש - א בתים מאכער, פון וויליאמסבורג, ער וואוינט דא, ער קומט פון ליזענסק. געדענקט ער אז ר' בנציון אפטער פלעגט זיין דארטן עפעס א גאנצע נאכט אויפן ציון, און נאכדעם אסאך געטאנצט!)

(השואל: מען איז געפארן פון אומאן צום ציון פון דעם "נועם אלימלך"?) **נאר די פוילישע - פון פוילן.**

(השואל: ערב ראש השנה פלעגן זיי גיין צום חוזה'ס ציון? מען איז דאך געווען אין לובלין, עס ליגן דארטן אסאך צדיקים, דער מהר"ם מלובלין -) **דער מהרש"ל. איך בין געווען אין לובלין אכט טאג; ביים מהרש"ל זענען מיר געווען אויפן ציון, אבער דער מהר"ם ווייסט מען נישט וואו ער ליגט - זיי ווייסן נישט.**

**דארטן איז אויך דא "דער אייזערנער קאפ"[כא] - ער איז געווען דער רָב אין לובלין, מען גייט נישט צו צו זיין ציון, נאר פונדערווייטנס, ער האט געהייסן נישט צוגיין צו זיין ציון - גייט מען נישט צו, שטייט מען פון דערווייטנס.**

**ער האט אנגעטוהן דעם חוזה זייער גרויסע צרות, ער איז געווען דער רב, א גדול איז ער געווען.**

(פעם אחת אמר לו החוזה:) **"וואס ווילסטו פון מיר?" - "פארוואס פארט מען צו דיר?" - "זאל מען נישט פארן" - "רוף'זשע אוים מען זאל נישט פארן!", האט דער חוזה אויסגערופן, איז מען נאך מער געפארן... - "רוף אוים מען זאל יא פארן!" - "דאס נישט, דאס קען איך נישט אויסרופן!"[כב].** (ר' נחמן: ער האט געזאגט אז ער זאל אויסרופן אז ער איז א צדיק, זאגט ער: "שקר קען איך נישט זאגן!").

---

[כא] ה"ה הרה"ג ר' עזריאל הלוי איש הורוויץ זצ"ל (היה קרוב משפחתו של החוזה מלובלין).

[כב] נפלאות הרבי אות ד'.

דער חוזה שרייבט אויפן רבי'ן[כג]: "**האי גברא רבא לא צריך לדידי ולא לדכוותי**".

(ר' נחמן: ער שרייבט דארט: "באצבע אלקים חרות").

## "להיות עקשן" / "לא להתעקש"

(ר' נחמן: ר' זלמן דער קליינער האט גארנישט דערציילט פון דעם חוזה קיין זאך נישט?) **ער איז געווען דער שליח פון דעם רבי'ן** (ביים נעמען די הסכמות); **דער רבי האט דעמאלט עפעס איבערגעגעבן צו דעם חוזה זאכענישן וואס קיינער ווייסט נישט.**

**ער האט געזאגט צו רבי נתנ'ען: "איך ווייס פון דעם רבי'ן אזעלכע זאכענישן וואס איר ווייסט נישט!" - אזוי האט ר' זלמן געזאגט. ער האט אבער קיינמאל נישט דערציילט.**

**רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: "כאטש מיר ווייסן נישט, אבער מיר פארשטייען אז דער רבי האט געשיקט צו זיי אז זיי זאלן אויפהערן צו עקשן'ען זיך!"** (ר' נחמן: אויף דער גאולה?) **יא!**

**צדיקים געווען - דער קאזניצער מגיד, מיט דער חוזה, און דער קאלובער.**

**דער חוזה האט געזאגט: "פארוואס האט דאס נישט געראטן** (- מצליח געווען)**? ווייל דער "קאלובער" האט געזאגט די הגדה אויף אונגאריש, און ביי דעם "איד הקדוש" האט די רעביצין פארשטערט דעם סדר!" איז אויסגעקומען אז מען האט זיי צעטריבן, זיי האבן נישט געקענט מאכן וואס זיי האבן געוואלט. זיי האבן געוואלט ברענגען משיח'ן**[כד].

(אחד הנוכחים: דער "חוזה" מיטן "קאלובער" מיט דעם "איד הקדוש"?) **די דריי צדיקים.**

(ר' נחמן: די וועלט זאגט: דער קאזניצער מגיד מיטן חוזה מיט ר' מענדעלע רימנאווער, די דריי זענען אוועקגעגאנגען אין איין יאר, תקע"ה[כה])

---

[כג] בהסכמתו לספה"ק ליקוטי מוהר"ן.

[כד] מובא בנפלאות היהודי עמ' 16.

[כה] עיין עשר אורות מערכת ה' אות מ"ב.

**אזוי האט ר' אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט: "כאטש מיר ווייסן נישט, אבער מיר פארשטייען אז דער רבי האט געשיקט צו זיי - זיי זאלן אויפהערן צו עקשן'נען זיך!".**

(השואל: וואספארא יאר האט דער רבי געשיקט ר' זלמן צו זיי?) **דאס איז געווען תקס"ח**[כו].

(השואל: זיי האבן טאקע אויפגעהערט?) **עס ווייזט אויס אז זיי האבן נישט אויפגעהערט.**

**מען מעג זיך עקשנ'ען אויף זיך - איך זאל זיין אַן ערליכער איד, אבער נישט אין "זמן", אויף "שוין"! א 'דוחק את השעה' קען איך אויך נישט זיין.**

**דארטן וואס עס שטייט אז מען מעג זיין אַן עקשן - דער רבי זאגט**[כז]**: "מען זאל זיין אַן עקשן גדול!" - דאס איז אין דער עצם זאך - זיין א עקשן, אבער 'שוין' - דאס קען נישט זיין**[כח]**. דער רבי זאגט אין דער תורה פון "ט' תיקונים"**[כט]**, דער פגם פון דער 'הכאת הצור' איז געווען אַן ענין פון 'דוחק את השעה'; מען מעג אלצדינג ווערן, אבער זיך עקשנ'ען - נישט.**

(ר' נחמן: ר' זלמן דער קליינער האט פון דעם קאזניצער מגיד גארנישט דערציילט, עפעס א תורה וואס ער האט געהערט פון אים?[ל]) **ווער זאגט?** (ר' נחמן: "וקר וחם") **און אז "לא", דעמאלט "ישבותו", אבער נישט דעמאלט** (האט מען עס געהערט פון אים)**. עס איז דא פון אים תורות און מאמרים, ער איז א גרויסער גאון געווען, פון די גרויסע גאונים, פון די גדולים אין דער וועלט.**

---

[כו] כך הוא התאריך בהסכמות ליקוטי מוהר"ן.

[כז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח, ועוד.

[כח] עיין שיחות הר"ן אות כ"ז ד"ה "אע"פ שהאדם צריך להיות זריז גדול מאד מאד בעבודת ה'" וכו'; ובחיי מוהר"ן אותיות תל"א-תל"ה.

[כט] ליקוטי מוהר"ן סי' כ', אות ה'.

[ל] עיין אוצר נחמני אות צ"ב שפירש הפסוק "עוד כל ימי הארץ זרע וקציר וקור וחם וחורף ויום ולילה לא ישבותו". ומנה תיבות אלו "זרע וקציר" וכו' מלה מלה בהמשכה נפלאה עד תיבת "לא", ואח"כ הרים קצת קולו ואמר תיבת "לא"! - היינו אם אין העולם מתנהג כתיקונו, כי ח"ו שורים דינים וגבורות בעולם ועי"כ משתנים סדרי בראשית והזמנים מתחלפים במלחמות וברוחות סערה ובעצירת גשמים ורעב ומגיפות רח"ל וכדו'. וכן אצל כל אחד ואחד שאין הולך לו כשורה. העצה לזה "ישבותו" - שצריך לשבות אצל הצדיק והוא יבטל וימתיק הדינים. גם עיין ספה"ק אמרי יוסף (ספינקא) פר' נח.

# זיי מאכן אים מיד

(השואל: דאס אז "צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים" איז דאך יא א 'דוחק את השעה'!?) **דאס איז אלץ אַן ענין פון א פרטיות'דיגע זאך, אבער א גאולה שלימה בכלל דאס טאר מען זיך נישט עקשנ'ען.**

**דאס איז אויך דאס אייגענע; דער צדיק אליין פאר זיך - אויך נישט, נאר פאר יענעם וואס דארף געהאלפן ווערן. און אפילו אויף דעם האט אויך רבי נפתלי געזאגט: "מיר האבן מקובל פון דעם רבי'ן אז מיר זאלן האלטן פארמאכט דאס מויל, נאר אז מיר זאגן - ווערט מקויים!"**[לא]**.**

**דער רבי האט אויך נישט געהאלטן אז מען זאל זיך ווארפן אזוי - זאגן, זאגן**[לב]**, נאר אז מען זאגט, ווערט מקויים. און טאקע נאר דער וואס קען זאגן; ווארום דער וואס קען נישט זאגן און זאגט - טויג דאך נישט, ווערט דאך נישט מקויים.**

**דער רבי זאגט דארט אין תורה כ"ח**[לג]**: "זיי מאכן מיד מענטשן, ווייל זיי מיינען** (שיבואו לאיזו תועלת על ידם) **- און מען ווערט דאך נישט געהאלפן דורך זיי"; "'הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת אֲנָשִׁים כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים' - 'כאילו לואה הקדוש ברוך הוא מלעזור לעובדים אותו'". זיי האבן דאך נישט קיין שום תורה - זייער תורה איז דאך גארנישט, מאכן זיי מיד די מענטשן** (ווי גלייך) **דער אויבערשטער קען זיי נישט העלפן. דער אמת איז דאך, זייערע תורות זענען דאס גורם; און אזוי פאלן מענטשן אריין אין כפירות גדולות דורך זיי, אז זיי טראכטן ח"ו "לֹא יִרְאֶה וְלֹא יָבִין אֱלֹקִים".**

---

[לא] עיין הסיפור בטעם זקנים קונטרס קי"א.

[לב] בענין שמופתים לא היה ענין רביז"ל, עיין מזה בשיחות הר"ן אות קפ"ו; כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל"ו; שם - חכמה ובינה אות ט"ו.

[לג] אות א', וזל"ש: וְאֵלּוּ הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים (- שדין יהודאין), נֶאֱמַר עֲלֵיהֶם (יְשַׁעְיָה ז'): **"הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת אֲנָשִׁים כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים"**. כִּי מְיַגְּעִים אֲנָשִׁים שֶׁבָּאִים לִשְׁמֹעַ דְּרוּשָׁם וְתוֹרָתָם, וַאֲנָשִׁים חוֹשְׁבִים שֶׁיָּבוֹאוּ לְאֵיזֶהוּ תּוֹעֶלֶת עַל יָדָם, הַיְנוּ שֶׁיָּבוֹאוּ לָדַעַת אֶת ה' אֵיךְ לַעֲבֹד. וְהֵם הָאֲנָשִׁים אֵין מַשִּׂיגִים שׁוּם תּוֹעֶלֶת, כִּי תּוֹרָתָם שֶׁל אֵלּוּ הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים אֵין לָהּ כֹּחַ לְהַדְרִיךְ אֶת הָאָדָם בְּדֶרֶךְ הַטּוֹב, כִּי מִבִּישָׁא לָא הֲוֵי טָבָא. **וְלֹא עוֹד, "כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים" - כְּאִלּוּ לוֹאֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִלַּעֲזֹר לְעוֹבְדִים אוֹתוֹ.** נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נוֹפְלִים בִּכְפִירוֹת גְּדוֹלוֹת, וְחוֹשְׁבִים, חַס וְשָׁלוֹם, **"לֹא יִרְאֶה וְלֹא יָבִין אֱלֹקִים בְּמַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם"**.

דערפאר, 'זאגן' דארף נאר זאגן דער דאזיגער וואס ער ווייסט אז (ער קען זאגן); אבער מאכן א געשעפט אזוי - זאגן זאכענישן?! מען דארף זייער זיין פארזיכטיג, עס ווערט א גאנצע אפיקורסות דערפון.

❖

## 'תיפח עצמן של מחשבי קיצין'

אפילו אין דעם ענין פון די גאולה; מען האט געזאגט אז 'אט קומט משיח' אין 'דעם' זמן - און ער איז נישט געקומען, איז געווארן א גרויסע אפיקורסות דערפון[לד]. אידן זענען 'מצפים לישועה', אבער מען דארף נישט מאכן חשבונות מיט געשעפטן און נאכדעם אראפפאלן ביי זיך.

(אחד הנוכחים: ת"ר האט מען אויך געזאגט - ביי רבי נתן'ען!) דאס שטייט אין זוהר[לה]: "יתפתחון תרעי דחכמתא" - עס וועט ווערן געעפנט די 'שערי החכמה', די גאנצע וועלט האט דעמאלט גערעדט.

(השואל: רבי נתן האט געזאגט עפעס אז משיח וועט נישט קומען דעמאלט?) "דאס יאר - נישט; אדער פריער, אדער שפעטער, דאס יאר - נישט!" ווייל מען רעדט - וועט ער זיכער נישט קומען דאס יאר![לו].

---

[לד] עיין גמ' סנהדרין דף צ"ז ע"ב: מַאי "וְיָפֵחַ לַקֵּץ וְלֹא יְכַזֵּב"? אָמַר רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר רַבִּי [יוֹנָתָן], **תִּפַּח עַצְמָן שֶׁל מְחַשְּׁבֵי קִצִּין, שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים, כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ עֵת הַקֵּץ, וְלֹא בָּא, שׁוּב אֵינוֹ בָּא, אֶלָּא** - חַכֵּה לוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר, (חבקוק ב) "אִם יִתְמַהְמַהּ חַכֵּה לוֹ".

[לה] פר' וירא דף קיז.

[לו] עיין חיי מוהר"ן אות תקכ"ז: לְעִנְיַן הַקִּצִּים, שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה גְּדוֹלִים שֶׁמְּחַשְּׁבִין קִצִּים וְאוֹמְרִים שֶׁרָאוּי שֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ בְּאוֹתוֹ הַקֵּץ שֶׁהֵם אוֹמְרִים, כְּמוֹ שֶׁאֵרַע בִּזְמַנֵּנוּ שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים עַל כַּמָּה פְּרָטִים שֶׁאָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, וְכֵן בַּדּוֹרוֹת שֶׁלְּפָנָיו. וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה מַסְכִּים עַל זֶה כְּלָל, וְאָמַר שֶׁבְּכָל זְמַן שֶׁאוֹמְרִים אֵיזֶה קֵץ אָז בְּוַדַּאי לֹא יָבוֹא מָשִׁיחַ בְּשׁוּם אֹפֶן בְּאוֹתוֹ הַקֵּץ שֶׁהֵם אוֹמְרִים. וּכְבָר מְבֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁמְּקַלֵּל מְאֹד כָּל הַמְחַשְּׁבֵי קִצִּין כִּי אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא בְּהֶסַּח הַדַּעַת. **וְהִנֵּה עַכְשָׁו אוֹמְרִים הָעוֹלָם שֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ בִּשְׁנַת ת"ר לפ"ק, וְנִדְמֶה לָהֶם שֶׁיֵּשׁ רְמָזִים בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ עַל זֶה. וּבֶאֱמֶת אָז בְּוַדַּאי לֹא יָבוֹא בְּשׁוּם אֹפֶן וְיָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁיָּבוֹא קֹדֶם לִשְׁנַת ת"ר אוֹ לְאַחֲרָיו, אֲבָל בִּשְׁנַת ת"ר לֹא יָבוֹא בְּשׁוּם אֹפֶן מֵאַחַר שֶׁהָעוֹלָם מְצַפִּין לְאוֹתוֹ הַזְּמַן.** וְהַכְּלָל בְּכָל עֵת וּזְמַן שֶׁנִּמְצָאִים מְחַשְּׁבֵי קִצִּים שֶׁאוֹמְרִים שֶׁיָּבוֹא בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן, אָז

'בכל יום ויום' גלויבן מיר אז דער אויבערשטער קען העלפן, מיר זענען 'מצפים לישועה', אידן דארפן האבן אמונה אין דעם אויבערשטן 'בכל יום ויום'! מען וועט פרעגן[לז]: "צפית לישועה" - דו האסט געהאָפט 'לישועה'? מען איז מחוייב צו גלויבן.

אין זוהר "שמות" שטייט אלע סימנים - און מיר ווייסן גארנישט. אין "דניאל" שטייט ארוים - און קיינער ווייסט נישט וואס דארטן שטייט; ווען ער וועט קומען, דעמאלט וועט מען זעהן אז אין דניאל איז געווען מרומז דער זמן[לח] - יעצט ווייסט קיינער נישט. דער זוהר הקדוש[לט] שעלט דאך די 'מחשבי קיצין'.

## מאך נישט קיין חשבונות

אידן גלויבן אין משיח צדקינו, אידן גלויבן אז עס וועט זיין א גאולה שלימה, און מען האפט און מען האפט, דאס איז דער כלל. און אויף דעם פרט, זאגט דער רבי[מ], יעדער

---

דַּיְקָא לֹא יָבוֹא בְּשׁוּם אֹפֶן בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן. רַק בּוֹא יָבוֹא לֹא יְאַחֵר בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּהֶסַּח הַדַּעַת לְגַמְרֵי, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יַחְשְׁבוּ כְּלָל עַל אוֹתוֹ הַקֵּץ שֶׁיָּבוֹא, וּפִתְאוֹם יָבוֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן. גם עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ה, אות ל"ג: וְהָעִקָּר הוּא פְּשִׁיטוּת וּתְמִימוּת לְהַאֲמִין שֶׁבְּוַדַּאי בּוֹא יָבוֹא לֹא יְאַחֵר אַךְ אָסוּר לְחַכּוֹת לְשׁוּם קֵץ לוֹמַר שֶׁמֵּהָרָאוּי שֶׁיָּבוֹא בְּשָׁנָה זֹאת **כְּמוֹ שֶׁטָּעוּ הַרְבֵּה עַל שָׁנָה זֹאת שְׁנַת ת"ר לִפְרָט קָטָן שֶׁאָמְרוּ שֶׁבְּשָׁנָה זֹאת יִהְיֶה הַקֵּץ וְקִלְקְלוּ הַרְבֵּה בָּזֶה, כִּי גָּרְמוּ כַּמָּה כְּפִירוֹת וְחִלּוּל הַשֵּׁם כַּיָּדוּעַ.** וְכֵן בַּשָּׁנִים הַקּוֹדְמִים אָמְרוּ כַּמָּה קִצִּים כְּגוֹן בִּשְׁנַת תקנ"ז וּבִשְׁנַת תק"ס וּבִשְׁנַת תקפ"א וְכוּ' וְכֵן הַרְבֵּה. וְשָׁמַעְתִּי שֶׁגַּם עַל שְׁנַת ת"ק אָמְרוּ שֶׁהוּא הַקֵּץ וְכֻלָּם חָטְאוּ בָּזֶה הַרְבֵּה כְּמוֹ שֶׁקִּלְּלוּ אוֹתָם רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וְאָמְרוּ, תִּפַּח עַצְמָן שֶׁל מְחַשְּׁבֵי קִצִּין שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ הַקֵּץ וְלֹא בָּא וְכוּ', **אֶלָּא אָנוּ צְרִיכִין לְקַוּוֹת וּלְחַכּוֹת אֵלָיו תָּמִיד וְאַף עַל פִּי כֵן יִהְיֶה בִּבְחִינַת הֶסַּח הַדַּעַת כִּי הוּא קֵץ הַפְּלָאוֹת שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין שׁוּם רֶמֶז וּרְמִיזָא בָּעוֹלָם מָתַי יָבוֹא**, כִּי לִבֵּהּ לְפוּמֵהּ לָא גַּלְיֵ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן בּוֹא יָבוֹא בְּוַדַּאי בְּמוֹעֲדוֹ וּבִזְמַנּוֹ פִּתְאֹם בְּהֶסַּח הַדַּעַת בְּעֵת שֶׁלֹּא יַחְשְׁבוּ עַל אוֹתָהּ הַשָּׁנָה וְעַל אוֹתוֹ הַיּוֹם כְּלָל.

[לז] גמ' שבת לא.

[לח] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קפ"ו: וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בְּדָנִיֵּאל שֶׁמְּרַמֵּז עַל סוֹף קֵץ הַגְּאֻלָּה, וְעַתָּה הַדְּבָרִים סְתוּמִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם: "סְתֹם הַדְּבָרִים וַחֲתֹם", כִּי אֵין אָדָם יוֹדֵעַ עַתָּה אֵיךְ מְרֻמָּז שָׁם זְמַן הַגְּאֻלָּה, **אֲבָל לֶעָתִיד אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם כְּשֶׁיְּקֻיַּם הַדְּבָרִים וְיַגִּיעַ קֵץ הָאֱמֶת וְיָבוֹא מְשִׁיחֵנוּ, אֲזַי יֵדְעוּ לְמַפְרֵעַ אֵיךְ שֶׁמְּרֻמָּז בִּדְבָרָיו זְמַן הַקֵּץ, וְכֵן מָצִינוּ בְּכַמָּה נְבִיאִים.**

[לט] זוהר חדש בראשית דף יב.

[מ] ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ט: הִנֵּה הַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לִרְאוֹת שֶׁמִּצִּדּוֹ לֹא יִהְיֶה עִכּוּב מְשִׁיחָא, דְּהַיְנוּ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה וּלְתַקֵּן מַעֲשָׂיו.

איינער זאל זעהן אז ער זאל נישט מעכב זיין ביאת משיח; "מצידו זאל נישט זיין קיין עיכוב" - אט דאס איז יעדער איינער מחוייב צו זעהן.

מען וועט יעדן איינעם מאָנען לעתיד, 'פארוואס האסטו מעכב געווען מיט דיינע מעשים ביאת משיח?!'.

עס איז געווען צדיקים, נביאים, אלע תנאים ואמוראים, נאר אז מיר זאלן מאכן די חשבונות פון אויבן - מאכט מען נישט. מען ווייסט אז יעדער צדיק, יעדער תנא, האט א חלק אין ביאת משיח.

אפילו קיין רצון ווערט נישט פארפאלן, קיין תפילה ווערט נישט פארפאלן, עס ווערט גארנישט פארפאלן! אבער מאכן דעם צירוף פון די אלע חשבונות דאס קען נאר דער בורא עולם אליין, מיר האבן נישט וואס צו רעדן דערפון - און פארט גלויבן מיר יעדן טאג אז דער אויבערשטער וועט רחמנות האבן!

דאס איז אויך פון די בקיאות'ן; אזוי ווי איינער דארטן וואס טוהט אין אידישקייט און ער בעט דעם אויבערשטן, און עס דאכט זיך אים אז ער ווערט גארנישט געהאלפן, זאגט מען אים: 'פאל נישט אריין אין קיין יאוש - האלט זיך, קיין שום דיבור ווערט נישט פארפאלן, קיין רצון ווערט נישט פארפאלן!' איי - ווי אזוי? עס איז נישט דיין עסק!

אזוי ווי איינער האט אַן אמת'ן מזכיר (- סעקרעטאר), ער פירט גוט די חשבונות, פארלאזט ער זיך אויף אים. אזוי אויך, למעלה איז דא אמת'ע מזכירים וואס פירן גוט די מזכירות, עס ווערט נישט פארפאלן גארנישט. איי - ווי אזוי? דאס איז נישט דיין עסק! די אונטערשטע שורה - דאס דארפסטו נישט וויסן! דו טוה וואס מערער, וועט אריינגיין, וועסטו האבן דארטן א שענערן חשבון. לייג אריין וואס מער - וואס דו קענסט, וואס דו קענסט לייג אריין. נישט נאר בכלל, נאר יעדן טאג, פיל אָן דעם טאג מיט מער תורה, מיט מער תפילה, מיט מער מצוות ומעשים טובים, פיל אָן דעם טאג, וועסטו האבן א חלק אין די קדושה.

איי אז איך האב אזא חלק, דארף איך דאך שוין געהאלפן ווערן? דעם חשבון מאך נישט! דאס איז שוין דער ענין פון 'עיון תפילה' - "עיון תפילה מזכיר עוונותיו של

אדם"[מא]. וואס איז 'עיון תפילה'? זאגט רש"י: "ער איז מעיין - 'פארוואס ווער איך נישט געהאלפן - איך בעט דאך!?'" - אט דאס איז 'מזכיר עוונותיו של אדם' - 'דו ביסט דען פארזיכערט אויף דיינע תפילות?!'.

ער דארף גלויבן אז יעדעס ווארט ווערט נישט פארפאלן, אפילו א מחשבה - אפילו א רצון ווערט נישט פארפאלן; איי - די ישועה? דאס איז נישט מיין עסק! - און ווייטער האפן און בעטן.

דאס איז א געוואלדיגע בקיאות, דאס איז א געוואלדיגע בקיאות אין דער קדושה[מב]; דו גלויב אז יעדעס דיבור ווערט נישט פארפאלן, א רצון ווערט נישט פארפאלן, א משנה אין משניות, א סעיף אין שולחן ערוך, היט די צייט - דאס איז אלץ ביים אויבערשטן זייער חשוב; ווייטער 'חשבונות מאכן' דאס איז נישט דיין עסק[מג].

מען דארף דאווענען מיט כוונה, מיט גוטע מחשבות, גלויבן אז עס ווערט גארנישט פארפאלן! און ווייטער וואס דארף איך וויסן? מען הייסט מיר וואַרטן! מען הייסט מיר וואַרטן און שוין. דאס ווארטן האט נישט קיין שיעור[מד].

---

[מא] גמ' ברכות נה. ועיין רש"י שם.

[מב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו' אות ז': **וְדִקְדֵּק רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְקָרָא עִנְיָן זֶה בִּלְשׁוֹן בָּקִי, כִּי הִיא בְּקִיאוּת גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד, שֶׁיִּזְכֶּה לֵידַע לְיַגֵּעַ עַצְמוֹ וְלִטְרֹחַ בַּעֲבוֹדַת ה' תָּמִיד, וּלְצַפּוֹת בְּכָל עֵת לְהַגִּיעַ לְמַדְרֵגָה גְּבוֹהָה יוֹתֵר, וְאַף עַל פִּי כֵן אַל יִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר, וַאֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּלָל.**

[מג] עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י"א: **וּכְמוֹ שֶׁהוּא בְּעִנְיַן הַגְּאֻלָּה הַכְּלָלִית שֶׁל יִשְׂרָאֵל שֶׁבְּוַדַּאי** צְרִיכִין בְּכָל יוֹם לִפֹּל עַל פָּנָיו וְלִבְכּוֹת וּלְהִתְחַנֵּן הַרְבֵּה לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּמַהֵר גְּאֻלָּתֵנוּ תֵּכֶף וּמִיָּד כִּי אָרַךְ עָלֵינוּ הַגָּלוּת וְכָשַׁל כֹּחַ הַסַּבָּל, וְאַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁרוֹאִין שֶׁמִּתְאָרֵךְ הַגָּלוּת אַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין לְהַמְתִּין עוֹד וָעוֹד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, אִם יִתְמַהְמַהּ חַכֵּה לוֹ כִּי בֹא יָבֹא לֹא יְאַחֵר. **כֵּן הִיא בִּפְרָטִיּוּת בְּכָל אָדָם** אַף עַל פִּי שֶׁצָּרִיךְ לִבְכּוֹת הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו עַל נַפְשׁוֹ שֶׁיִּגְאָלֶנָּה מְהֵרָה מִתַּאֲוֹת עוֹלָם הַזֶּה וַהֲבָלָיו. **אַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמִּתְמַהְמֵהַּ הַדָּבָר הַרְבֵּה צָרִיךְ לְהוֹחִיל וּלְהַמְתִּין הַרְבֵּה זְמַנִּים אַחַר זְמַנִּים** אוּלַי יִרְאֶה ה' בְּעָנְיוֹ כִּי לֹא לְעוֹלָם יָרִיב וְלֹא לָנֶצַח יִקְצֹף וְאַף עַל פִּי שֶׁהַמְּנִיעָה מִצִּדֵּנוּ מֵחֲמַת שֶׁאֵין אָנוּ הֲגוּנִים בְּמַעֲשֵׂינוּ כָּרָאוּי וַאֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא אַף עַל פִּי כֵן כָּל זְמַן שֶׁתּוֹלֶה עֵינָיו לַמָּרוֹם וְשׁוֹמֵר וּמְצַפֶּה וּמַמְתִּין לִישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ יָחוּס וְיַחְמֹל עָלָיו ה' יִתְבָּרַךְ וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת וְיִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה.

[מד] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ה' עקב תקפ"ט: **וְהִנֵּה אָנֹכִי בְּעָנְיִי כְּבָר הִמְתַּנְתִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה, וְעֵינֵינוּ כָּלוֹת כָּל הַיּוֹם, לִישׁוּעָתוֹ הָאֲמִתִּיּוֹת. וּכְבָר רָאִיתִי יְשׁוּעוֹת ה' הַרְבֵּה בְּלִי שִׁעוּר, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן בַּמֶּה**

## וואס וויל איך קויפן?

דער רבי זאגט אין דער תורה "קרא את יהושע"[מה]: "המתן!". מען זאגט דאס פאר יעדן איינעם; מען רעדט דאך - דער וואס ער וויל טאקע קויפן אפרסמון - דער וואס ווייסט ביי זיך אז ער וויל קויפן אפרסמון, זאגט מען אים: 'ווארט!'.

(האדם יודע בעצמו:) וואס וויל איך קויפן? ער וויל איצטער געלט מיט געשעפטן - דאס און יענץ, צו ער וויל טאקע קויפן אפרסמון - דאס ווייסט דער מענטש אליין ביי זיך, ער זאל זיך דען אפנארן?!

אפרסמון איז אזא מין 'דעת טוב', א שמעקעדיגער שמן, א "שמן משחת קודש". נישט אסאך מענטשן ווילן קויפן אפרסמון, און אפילו אז ער וויל שוין קויפן אפרסמון, זאגט מען אים - "ווארט-צו", און דאס ווארטן האט נישט קיין שיעור.

דאס קויפן אפרסמון איז נישט קיין גשמיות'דיגע זאך וואס מען מעסט מיר אפ א קילא אפרסמון - צו א צוויי קילא. ממילא קען טאקע זיין אז ער איז יא עפעס זוכה ווערדליג ער בעט, אבער דאס אפרסמון האט דאך נישט קיין שיעור, דארף ער דאך ווייטער בעטן און ווייטער ווען קויפן דעם אפרסמון - דעם "שמן משחת קודש".

אין זוהר הקדוש (שטייט אליץ) "בוצינא קדישא", דאס איז אליץ א לשון פון "שמן משחת קודש". אין דעם שיר ("בר יוחאי" זינגט מען אליץ) "נמשחת" "נמשחת", דאס איז אליץ "שמן משחת קודש", דאס הייסט 'אפרסמון'.

אלע יארן דארף א מענטש האבן א געדאנק פון קויפן דעם אפרסמון, קויפן דעם גוטן שמעקעדיגן שמן, אט דאס דארף זיין זיין געדאנק, דאס דארף ער וועלן. אבער מען זאגט אים: 'ווארט-צו'.

---

**שֶׁעֲדַיִן לֹא נוֹשַׁעְתִּי אֲנִי מַמְתִּין עֲדַיִן עֲדַיִן**, עַד יַשְׁקִיף וְיֵרֶא ה' מִשָּׁמַיִם. חֲזַק בְּנִי וַחֲזַק וּזְכֹר הֵיטֵב וְאַל תִּשְׁכְּחִי כָּל גְּמוּלָיו, וְלַה' הַיְשׁוּעָה לַעֲזֹר וּלְהוֹשִׁיעַ לְךָ יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה אֲמִתִּית וְנִצְחִית.

[מה] ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ב', וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, כִּי כֶּתֶר לְשׁוֹן הַמְתָּנָה, **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא לח: לט.): **'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁבָּא לִקְנוֹת אֲפַרְסְמוֹן. אוֹמְרִים לוֹ: הַמְתֵּן' וְכוּ'**, וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב ל"ו): "כַּתַּר לִי זְעֵיר וַאֲחַוֶּךָּ".

[(השואל: פון בעל שם טוב שטייט[מו] אז עס איז דא אמאל אַן ענין פון בטחון - נישט מתפלל זיין - נאר בטחון!) **נאך די תפילה דארף מען האבן בטחון!**

(השואל: אבער עס איז דא אמאל אַן ענין פון שתיקה העכער פון דיבור!) **דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו[מז]: "שתוק!". דער רבי זאגט[מח], משה רבינו איז א בחינת 'שתיקה'. שוין, נו, ביי די גדולים, זיי האבן אזא דביקות צום אויבערשטן אז דער דיבור האקט זיי איבער דאס דביקות[מט]].**

❖

## **"וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ"**

**דאס איז א געוואלדיגער בקיאות - בק"י איז א שֵׁם[נ]; א מענטש זאל היטן די צייט מיט תורה ותפילה און מצוות ומעשים טובים, מאך נישט קיין חשבונות. מאך א חשבון ביי זיך וואו דו האלסט, אבער למעלה - מישן זיך אין וואס דער רבונו של עולם מאכט אויבן?! אויבן מאכט מען אנדערע חשבונות!**

**א מענטש ווייסט נישט וואס ער דארף האבן, ער מיינט אז ער דארף האבן די ישועה, און** (אינ'אמת'ן) **דארף ער האבן א העכערע ישועה וואס ער ווייסט גארנישט אז ער דארף האבן[נא].**

---

[מו] עיין תולדות אדם פר' ויגש: איתא בספרים הקדושים ובשם הבעל שם טוב ז"ל כי בעת שח"ו הדין שורה לא יתפלל אדם [על ביטול הדינין] כי אם במחשבה, וכדי שלא יוכל לקטרג חלילה.

[מז] גמ' מנחות כט:

[מח] ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ד, אות ג'.

[מט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד: הַמַּחֲשָׁבָה גָּבוֹהַּ מְאֹד, וּמִי שֶׁרוֹצֶה לִכָּנֵס אֶל עוֹלַם הַמַּחֲשָׁבָה, צָרִיךְ לִשְׁתֹּק, **וַאֲפִלּוּ אִם יְדַבֵּר אָז דִּבּוּר הָגוּן, הוּא מַפְסִיד הַמַּחֲשָׁבָה**, כִּי הַמַּחֲשָׁבָה הוּא דָּבָר גָּבוֹהַּ מְאֹד, שֶׁאֲפִלּוּ דִּבּוּר הָגוּן מַפְסִידָהּ, וְזֶה בְּחִינַת (מְנָחוֹת כט): 'שְׁתֹק כָּךְ עָלָה בְּמַחֲשָׁבָה', שֶׁלַּעֲלוֹת אֶל הַמַּחֲשָׁבָה צָרִיךְ לִשְׁתֹּק. גם עיין צוואת הריב"ש, אות נ"ט: **"לפעמים כשהאדם דבוק בעולם העליון בבורא יתברך צריך לשמור עצמו של יעשה שום תנועה אפילו בגופו שלא יבטל הדביקות שלו".**

[נ] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו' הנ"ל.

[נא] עיין ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד אות מ"ט: וְעַל כֵּן כָּל אָדָם אֵיךְ שֶׁהוּא, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, הוּא מְחֻיָּב לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו. וְאִם אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ זוֹכֶה, חַס וְשָׁלוֹם, לִקְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה

דער רבי זאגט דארטן אין די תורה[נב]: עס איז דא "תהום עילאה ותהום תתאה", דאס איז "נסים עילאין ונסים תתאין".

"נסים עילאין" - עס איז פארהאן א מענטש וואס ער איז געווען קראנק און ער איז געווארן געזונט, זעהען אלע א נס. אבער אז איינער האט באדארפט ווערן קראנק און ער איז גארנישט געווארן קראנק - ווער ווייסט דאס?! דאס ווייסט מען נאר למעלה, 'לבדו'! דער אויבערשטער אליין ווייסט פון די נפלאות! אט דאס איז דער "על נסיך שבכל יום עמנו"![נג].

---

וְכוּ', אַף עַל פִּי כֵן הַטּוֹב אֵינוֹ נֶאֱבָד כְּלָל, כִּי לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּאִתְאֲבֵיד, כִּי **מִי יוֹדֵעַ מַה נַּעֲשֶׂה מֵהַטּוֹב שֶׁלּוֹ, אוּלַי ה' יִתְבָּרַךְ הִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ לְצֹרֶךְ גָּבֹהַּ וְעֶלְיוֹן יוֹתֵר וְיוֹתֵר מֵהָעִנְיָן שֶׁהוּא הָיָה רוֹצֶה**, כְּגוֹן מִי שֶׁרוֹאֶה בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁמִּצְוָה זוֹ מְסֻגֶּלֶת לִזְכּוֹת לְעִנְיָן זֶה, וְעַל יְדֵי זֶה הִתְעוֹרֵר לְקַיֵּם מִצְוָה זֹאת וְאַחַר שֶׁקִּיֵּם מִצְוָה זֹאת, אַף עַל פִּי כֵן לֹא זָכָה לְזֶה הָעִנְיָן, אֵין לוֹ לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּלָל, כִּי מִי יוֹדֵעַ דַּרְכֵי ה' אוּלַי ה' יִתְבָּרַךְ הֶעֱלָה מִצְוָה שֶׁלּוֹ לְצֹרֶךְ תִּקּוּן גָּבֹהַּ יוֹתֵר, כִּי מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו, וְאָסוּר לְהַרְהֵר אַחַר ה' יִתְבָּרַךְ וְאַחַר דִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה כְּלָל, כִּי כָּל דִּבְרֵיהֶם אֱמֶת וָצֶדֶק, רַק שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה דְּבָרִים שֶׁאֵין אָנוּ מְבִינִים אוֹתָם, כִּי נִמְשָׁכִין מִמְּבוּכוֹת הַנַּ"ל שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַהֲבִינָם, שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר כֹּחַ הַבְּחִירָה. גם עיין בליקו"מ סי' רט"ו.

[נב] ליקוטי מוהר"ן סי' ז', אות א': עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ז', אות א': "כִּי יֵשׁ נִסִּין עִלָּאִין, שֶׁהוּא בְּחִינַת **תְּהוֹם עִלָּאָה**; וְיֵשׁ נִסִּים תַּתָּאִין, שֶׁהֵם בְּחִינַת **תְּהוֹמָא תַּתָּאָה**". ועיין בליקוטי תפילות על תורה ט' מש"ש בזה"ל: "וְאֶזְכֶּה לְהַאֲמִין בְּנִסֶּיךָ הַקְּדוֹשִׁים אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּנוּ מֵעוֹלָם נִסִּים וְנִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת וַאֲשֶׁר אַתָּה עוֹשֶׂה עִמָּנוּ בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עַד עַתָּה, **נִסִּים עִלָּאִין וְנִסִּים תַּתָּאִין, נִסִּים נִגְלִים וְנִסִּים נִסְתָּרִים, נִסִּים עַל-פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע וְנִסִּים שֶׁלֹּא עַל-פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, נִסִּים בִּכְלָל וְנִסִּים בִּפְרָט, לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה**, בְּכֻלָּם אֶזְכֶּה אֲנִי וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְהַאֲמִין בָּהֶם בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה".

[נג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות י"א. גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות צ"ט: **וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ** וְטוֹבוֹתֶיךָ **שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם**, כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנַת הָרָצוֹן מְבִינִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וְכוּ'. כִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה אָנוּ רוֹאִים בְּעֵינֵינוּ בְּכָל יוֹם מֵאַחַר שֶׁאָנוּ מַאֲמִינִים שֶׁאֵין שׁוּם טֶבַע רַק כָּל הַנְהָגַת הַטֶּבַע הַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ לְבַד. וַאֲזַי רוֹאִים נִפְלָאוֹת חֲדָשׁוֹת בְּכָל יוֹם. וּמִלְּבַד זֶה אָנוּ מַאֲמִינִים **שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִים מֵהֶם בִּלְתִּי הוּא יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קלו) לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת **לְבַדּוֹ** כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נִדָּה לא) אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִסּוֹ וְכוּ'".

# קיין 'פארפאלן ווערן' איז נישטא

מיר דארפן גלויבן וואס דער רבי זאגט אין תורה ב'[נד]: **"ואי לא דהוה מקרבא ספינתא - הוה טבעינן"**, עס איז נאר 'חסדו', **"לְמַעֲנִי לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה זֹאת"**. אז מען זאל ווען אנהענגען אין זיך אליין, נישט אין דעם חסד פון דעם אויבערשטן, וואלטן מיר דערטרונקען געווארן.

וויפיל די צדיקים זענען מרבה בתפילה, דארף מען נאך אלץ אנקומען נאר צו 'חסדו', אבער מיר זענען נאך ווייטער מרבה בתפילה, ווייל דורך תפילה איז מען מעורר רחמיו יתברך, מען דערוועקט זיין רחמים.

עס איז דא א לשון: "דאס וואס דער אויבערשטער גיט דיר אריין דעם רוח חיים איז שוין גענוג!". דאס איז שוין גענוג, דאס וואס ער גיט דיר אריין א רוח חיים, דורכדעם איז דא א כח אין דעם דיבור, א כח אין די פיס, דאס איז שוין גענוג פאר דיינע תפילות. דאס וואס א מענטש וויל 'נאך', איז שוין נאר 'חסדו יתברך'.

איי, פארוואס דארף ער נאך צו בעטן? ווייל מיט תפילה איז ער מעורר 'רחמיו יתברך', מער חסד פון דעם אויבערשטן! דער אויבערשטנ'ס רחמנות האט דאך נישט קיין שיעור![נה].

**האבן אמונה אז יעדעם דיבור ווערט נישט פארפאלן!**

---

[נד] ליקוטי מוהר"ן שם אות ו', וז"ל בא"ד בביאור מאמר רבב"ח בגמ' בב"ב דף ע"ג ע"ב: **"וְאִי לֹא הֲוֵי מְקָרְבִינָן לִסְפִינְתָּא"**, הַיְנוּ: **"לְמַעֲנִי לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה זֹאת"** (יְשַׁעְיָהוּ מ"ח) כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (וַיִּקְרָא כ"ז): "מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם לוֹ". 'מִי עָשָׂה לִי מְזוּזָה קֹדֶם שֶׁנָּתַתִּי לוֹ בַּיִת' וְכוּ'. נִמְצָא, שֶׁכָּל מַעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁלָּנוּ וְכָל הַתְּפִלּוֹת הַכֹּל מֵאִתּוֹ, וְאֵין רָאוּי לַחֲשֹׁב לְקַבֵּל שָׂכָר עַל שׁוּם דָּבָר. **וְאַף עַל פִּי שֶׁנִּרְאֶה, שֶׁעַל יְדֵי תְּפִלָּתֵנוּ וְתוֹרָתֵנוּ יִהְיֶה הַגְּאֻלָּה, אַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין אֲנַחְנוּ לְחַסְדּוֹ, שֶׁבְּחַסְדּוֹ יִגְאַל אוֹתָנוּ.** וְזֶה "אִי לֹא מְקָרְבִינָן לִסְפִינְתָּא". זֶה בְּחִינַת חֶסֶד, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. 'הַסַּפָּנִין רֻבָּן חֲסִידִים', אִי לֹא חַסְדּוֹ, "טַבְעִינָן", חַס וְשָׁלוֹם, בַּגָּלוּת.

[נה] עיין ליקוטי הלכות הל' מילה ה"ה אות ד', בענין מה "שֶׁלִּכְאוֹרָה קָשֶׁה, מֵאַחַר שֶׁבֶּאֱמֶת כָּל הַיִּסּוּרִים וְהַחֶסְרוֹנוֹת שֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם הַכֹּל הוּא לְטוֹבָתוֹ אוֹ לְזַכּוֹתוֹ עַל יָדָם לְחַיִּים נִצְחִיִּים אוֹ כְּדֵי שֶׁיִּנָּצֵל עַל יְדֵי זֶה מִצָּרוֹת יוֹתֵר גְּדוֹלוֹת כַּיָּדוּעַ וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לוֹמַר 'כָּל מַה דְּעָבֵד רַחֲמָנָא לְטָב עָבֵד', אִם כֵּן לָמָּה הִזְהִירוּ אוֹתָנוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, לְהִתְפַּלֵּל עַל צְרָכָיו וְחֶסְרוֹנוֹתָיו?" - עייעו"ש בפנים מה שתירץ.

אפילו דאס וואס עס שטייט[נו]: "זמנין דלא שמע", איז נאר אין דעם 'זמן', אין 'שוין', אבער עס ווערט נישט פארפאלן. עס איז דא א היכל וואס דארטן ליגן אלע תפילות, קיין 'פארפאלן ווערן' איז נישטא! 'איצטער' הער איך אים טאקע נישט צו - איך זאל אים 'שוין' טוהן זיין זאך, אבער שפעטער וועט עס זיין; עס איז דא א צייט וואס מען הערט אים נישט צו אז עס זאל 'שוין' נתמלא ווערן בקשתו[נז].

## "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה"

עס שטייט דאך אין "כתר שם טוב" פון דעם בעל שם הקדוש[נח]: "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע וְיוֹשִׁיעֵם"; דער אויבערשטער טוהט דעם רצון פון די 'יראיו', כאטש ער (- דער ירא ה') וויל א זאך וואס טויג נישט פאר אים - אז דו ביסט פון די 'יראיו' גיב איך דיר. נאכדעם שרייט ער צום אויבערשטן: "נעם עס מיר צו", איז "ואת שועתם ישמע" - נאכדעם וועט ער אים צוהערן וואס ער שרייט, "ויושיעם" - און ער וועט אים ארויסהעלפן און דאס צונעמען ביי אים קריק.

איי פארוואס האט ער אים פריער דאס געטוהן? ווייל ער איז דאך פון די 'יראיו', דער אויבערשטער האט דאך ליב די צדיקים; אז דו ווילסט? נא-דיר! איי איך ווייס אז עס טויג נישט פאר דיר, אבער אז דו ווילסט - נא-דיר. נאכדעם שרייט ער: "רבונו של עולם, נעם עס מיר צו!", העלפט ער אים דאס אויך, נעמט ער עס ביי אים צו.

---

[נו] עיין חיי מוהר"ן אות תקנ"א: פַּעַם אַחַת דִּבֵּר מֵעִנְיַן תְּפִלַּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁלִּפְעָמִים אֵין פּוֹעֲלִים בִּתְפִלָּתָם, **כִּי זִמְנִין דְּשָׁמַע וְזִמְנִין דְּלָא שְׁמַע** כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ.

[נז] עיין ליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד, אות כ', ובעוד הרבה מקומות בליקוטי הלכות מזה.

[נח] עיין שם מה שמביא מתולדות יעקב יוסף פר' שופטים, וז"ל: "שמעתי בשם מורי פירוש הפסוק (תהלים קמ"ה) **רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם**, דקשה אם כבר עשה רצון יראיו מה צריך עוד לשמוע שועתם להושיעם, ועל כל פנים איפכא הוי ליה לומר ששומע שועתם ורצון יראיו יעשה? וביאר כי מצאנו מדתו יתברך ששומע לכל הקוראים אותו או לטובה או לרעה ח"ו כמאמר חכמינו ז"ל (בעין יעקב ברכות פרק הרואה סוף סי' קל"ט) גנבא במחתרתא רחמנא קריא, וכי תימא אם כן מה הפרש יש בין צדיק לרשע? וביאר כי יש הפרש גדול ביניהם, כי הגנב שנשמע תפלתו שיוכל לגנוב ואחר כך כשנתפס בגנבתו וחוזר וקורא אליו יתברך שמו, שוב לא נענה מאחר שבחר בזה, מה שאין כן הצדיק המתפלל על איזה דבר גם שיודע השם יתברך שאין זה לטובתו מכל מקום השם יתברך עושה מבוקשו, וזהו שאמר **רצון יראיו יעשה**, ואחר כך כשרואה הצדיק שאין זה טובתו וחוזר וקורא אל ה' אז ברחמיו יתברך **שועתם ישמע ויושיעם**, ע"כ ודפח"ח".

דעם רבי'נס זאך איז, התחזקות ביי יעדער זאך; סיי התחזקות אז מען זאל צוגיין בעטן; און סיי התחזקות אז ווען מען בעט זאל מען נישט אראפפאלן ביי זיך.

(כמו כן בכל העבודות) עס קומט מיר אויס אז די זאך איז א זאך (שאוכל להיוושע עי"ז) - און איך טוה די זאך, איז פארוואס ווער איך נישט געהאלפן?! דארף מען האבן התחזקות - 'דו טוה - עס ווערט נישט פארפאלן!' ווייטער איז נישט דיין עסק, ווייטער קלער נישט!

ווען ביי א מענטש וואלט געווען (קלאר) אז א יעדער דיבור ווערט נישט פארפאלן, וואלט ער דאך ממש געהיט דעם דיבור, ער וואלט ממש מרבה געווען בתפילה, מיט האבן גוטע רצונות צום אויבערשטן[נט]. דארף מען טאקע גוט שרייען צום אויבערשטן: "גיב מיר אמונה!".

אין יעדעם דיבור וואס עס שטייט געשריבן אין דער תורה הקדושה, און אין די 'דברי הצדיקים', דארף מען האבן אמונה, גלויבן אין דעם דיבור. און דורך תפילה קומט מען צו אמונה!

❖

## הסתלקות המגיד

רבי נתן האט זיך געראטעוועט פון אזעלכע מיני שונאים, פון אזעלכע מיני רוצחים - א געוואלד - נאר מיט תפילה! נאר מיט תפילה![ס].

וואס האט זיך אנגעזעהן 'ברסלב' אין דער וועלט? גרויסע מפורסמים זענען געווען די קריגערס - וואס האט זיך אנגעזעהן 'ברסלב'? דער תירוץ איז, תפילה! 'תפילה' דאס איז "אֲנִי חוֹמָה"[סא], דאס איז אזא מין חומה, דאס האט זיי אלע אפגעשטילט.

---

[נט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ה: בְּוַדַּאי אִם הָיָה לוֹ אֱמוּנָה שְׁלֵמָה, וְהָיָה מַאֲמִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹמֵד עָלָיו, וְשׁוֹמֵעַ כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁיּוֹצֵא מִפִּיו, וּמַאֲזִין לְקוֹל תְּפִלָּתוֹ, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה לוֹ שׁוּם עַצְבוּת וְעַצְלוּת וּכְבֵדוּת בִּתְפִלָּתוֹ, וּבְוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי. אַךְ עִקַּר בִּלְבּוּל הַתְּפִלָּה, הוּא בָּא מֵחֲמַת חֶסְרוֹן אֱמוּנָה.

[ס] עיין שיש"ק (חדש) ח"א אות תרמ"א; וח"ב, אות שנ"ד.

[סא] שיר השירים ח, י. [עיין רש"י שם שמפרשו על ענין האמונה].

רבי נתן האט דאך געוואוסט דעם רבי'נס גרויסקייט - - - עס איז א מכתב דא פון רבי נתן'ען פון תקצ"ה ביים אנהויב, ער איז געווען דעמאלט אין טשעהרין[סב], שרייבט ער צוריק קיין ברסלב צו אונזערע לייט: "דאס וואס איר האט מיר געשריבן 'פארוואס איך שווייג' - איר ווייסט דאך אז דער רצון פון דעם רבי'ן איז געווען 'מען זאל ליידן', נישט מען זאל מאכן מופתים"[סג].

עס ווייזט אויס אז זיי האבן אים געשריבן 'פארוואס ער שווייגט'; ער האט טאקע נישט געשוויגן - נאר אין תפילה האט ער נישט געשוויגן! אנדערע זאכן קען מען נישט און מען טאר נישט קיינעם פסק'עווען.

פון וואס איז געווען דאס הסתלקות פון דעם מעזריטשער מגיד? דער בארדיטשובער רב איז דעמאלט געווען דאכט זיך רב אין פינסק, און מען האט אים דארט געפייניגט זייער און אים אנגעטוהן צרות, מען האט אים געוואלדיג געטריבן.

איז אנגעקומען א בריוו צו דעם מעזריטשער מגיד וואספארא צרות מען טוהט אָן דעם בארדיטשובער רב, און די חבריא האבן אוועקגעלייגט דעם בריוו פאר אים פרייטאג צונאכטס. האט ער געקוקט און זיך נישט געמאכט וויסנדיג.

אינדערפרי האבן זיי נאכאמאל אוועקגעלייגט דעם בריוו פאר אים, האט ער ווייטער געקוקט און גארנישט געמאכט. און אזוי פארנאכט נאכאמאל.

האבן זיי געזעהן, 'אפשר מיינט ער אז מיר זאלן עפעס טוהן? אפשר הייסט ער אונז טוהן?' זיי זענען געווען ניין מענטשן, און דער צענטער איז געווען דער רַב - דער בעל

---

[סב] עיין עלים לתרופה במכתב מוצ"ש שירה תקצ"ה, טשעהרין: **וַאֲשֶׁר אַתֶּם רוֹצִים לִרְאוֹת מוֹפְתִים מִיָּד הֲלֹא כְּבָר יְדַעְתֶּם שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הִתְנַהֵג בָּזֶה**, כַּאֲשֶׁר כְּבָר דִּבַּרְתִּי הַרְבֵּה בָּזֶה, כִּי הוּא מְגַלֶּה אֱלקוּתוֹ בָּעוֹלָם רַק עַל יְדֵי תּוֹרוֹת נִפְלָאוֹת שֶׁגִּלָּה, וְאִם עַל כָּל זֶה רָאִינוּ כַּמָּה מוֹפְתִים נוֹרָאִים מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּחַיָּיו, וְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ בְּיוֹתֵר, אֲבָל אֵין דַּרְכּוֹ לְהַעֲנִישׁ מִיָּד, כִּי גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב, רַק בְּעֵת שֶׁהוּא הֶכְרֵחַ גָּדוֹל לְבַעֵר הַקּוֹצִים מִן הַכֶּרֶם שֶׁאִי אֶפְשָׁר בִּלְתִּי זֹאת, אָז הוּא מְבַעֵר אוֹתָם בְּמוֹעֲדָם וּבִזְמַנָּם, וּכְבָר בִּעֵר הַרְבֵּה, וְלַה' הַיְשׁוּעָה שֶׁגַּם עַתָּה יְבַעֵר וִיכַלֶּה אוֹתָם שֶׁהֶהְכְרֵחַ לְבַעֲרָם אִם לֹא יָשׁוּבוּ, וְאֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה בָּזֶה אֲנִי בָּטוּחַ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁבְּוַדַּאי יַצִּיל אוֹתִי וְאֶת כֻּלָּנוּ מֵהֶם.

[סג] עיין עוד בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות תי"ז.

התניא. זיי האבן אבער געוואוסט אז ער איז אַן עקשן, ער וועט נישט וועלן צושטיין צו זיי, האבן זיי ארויס גענומען דעם שולחן ערוך און אים געוויזן: "אז מען איז מבזה אַן אמת'ן תלמיד חכם" - - אזוי איז די הלכה[סד]. נו, האט ער זיך געמוזט מצרף זיין צו זיי.

זענען זיי געווען צען מענטשן, האבן זיי געמאכט א חרם אויף די חולקים. שוין. אפגעטוהן.

ביינאכט - עס איז פריער געווען דארטן א גרויסער זאַל ביים מעזריטשער מגיד, זיי זענען געשלאפן דארטן. אז עס איז געקומען די צייט פון חצות איז דער מגיד געגאנגען מיט די קילעס (- שטעקענעס, כי המגיד ממעזריטש חלה לסוף ימיו על רגליו והלך על המשענת), ער האט געקלאפט מיט די קילעס - זענען זיי אויפגעשטאנען אלע, (ואמר להם:) "וואס האט איר דא געטוהן? וואס האט איר געטוהן? האב איך דען נישט געזעהן דעם בריוו וואס איר האט מיר געוויזן אויפדערנאכט און אינדערפרי?! - דערפאר האט איר אנגעוואוירן אייער קאפּ!". דאס יאר איז דער מגיד נסתלק געווארן[סה].

אויף די אלע זאכענישן איז נאר תפילה ותחנונים.

❖

## "דער עמדינער איז אַן אמת'ער צדיק!"

עס איז געווען אין די צייטן פון דעם רבי'ן ר' יונתן (אייבשיץ), עס איז געווען געוואלדיג וואס דער עמדינער (- רבי יעקב עמדין, היעב"ץ) האט אנגעטוהן צרות פאר דעם רבי'ן ר' יונתן. איז אויך דעמאלט געווען פון די תלמידי בעל שם וואס האבן געוואלט ארייגלייגן דעם עמדינער אין חרם וואס ער רודפ'ט אזוי דעם רבי'ן ר' יונתן. (והמתיקו סוד ביניהם:) 'זיי וועלן גיין אונטער דער שטאט און דארטן מאכן דעם חרם'.

איז אריינגעקומען דער בעל שם צו זיי: "דער עמדינער איז אַן אמת'ער צדיק!", איז געווארן אוים.

---

[סד] שו"ע יו"ד סי' של"ד.

[סה] עיין עשר אורות מערכת א' אות ס"ג; שבחי הרב ד"ה "הנה בעת היותי במעזריטש".

מען ווייסט אז דער בעל שם האט געהאלטן פון דעם "בעל הכְּרֵתי"; נאר אז זיי האבן געוואלט מאכן א חרם, האט ער געזאגט: "דער עמדינער איז א צדיק אמת!", זענען זיי אוועק, אוים חרם, ער האט דאס נישט צוגעלאזט.

[(השואל: דער דיבור פון דעם רבי'ן: "מען זאל זיך ציען צו די גרעסטע - און נישט פאלן פון די קלענסטע" - דאס נעמט זיך פון תורה ו'?) דער רבי האט אזוי געזאגט; אבער דאס איז נישט פון תורה ו'. "מען זאל זיך ציען צו די העכסטע מדריגה, און נישט אראָפּפּאַלן פון די נידריגסטע!"]

(די מחלוקת) אויפן בעל שם איז נאך געווען מער ווי פון דעם עמדינער, אלע האבן דאך געקריגט אויפן בעל שם, אלע זענען געווען חולקים אויפן בעל שם הקדוש, מען האט א חרם געמאכט אויפן בעל שם - עס איז דאך א געוואלד געווען!

ער (- לא ברור) האט מספיד געווען דעם רבי'ן ר' יונתן - א שיינעם הספד האט ער אים געמאכט. האט אים דער עמדינער דערלאנגט... אוי האט ער אים געגעבן פארן הספד...

פארוואס האט ער אים געמאכט א הספד? ער האט נישט געוואלט אריינגיין - ער האט געהאלטן פון דעם עמדינער; נאר וואס דען? די מוטער האט אים געזאגט: "דו מוזט אים מספיד זיין!", האט ער געמוזט פאלגן די מוטער און ער האט אים מספיד געווען.

(השואל: נאך זיין פטירה האט נאך אלץ דער עמדינער געהאט טענות?) יא, שטארק שטארק. דער עמדינער האט דאך גע'אסר'ט זיין זון זאל נישט זאגן קיין קדיש (נאך אים). ער האט געהאט א זון וואס האט געהאלטן פון דעם רבי'ן ר' יונתן. ער האט אים געזאגט: "טאטע, וואס האסטו צו דעם אידן - ער איז דאך די תורה?!" - דער 'כרתי' - מיט די אלע ספרים. האט ער אים גע'אסר'ט ער זאל נישט זאגן נאך אים קיין קדיש.

בשעת דער עמדינער איז נסתלק געווארן איז דער זון געווען דעמאלט אין אַן אנדער שטאט, איז איינער געקומען צו גיין עפעס אינמיטן - "דיין טאטע איז נפטר געווארן!" - דאס איז געווען מסתמא אליהו הנביא. האט ער געזאגט קדיש. אבער ער האט אים גע'אסר'ט ער זאל נישט זאגן קיין קדיש, ער איז זייער שארף געווען.

(אחד הנוכחים: אבער די וועלט האט אנגענומען שפעטער בײדע פאר צדיקים!) אוודאי זענען בײדע צדיקים! וואס איז שייך צו רעדן?! אלץ איז געווען פון די דמיונות וואס מען האט אנגערעדט לשון הרע מיט רכילות'ן.

נו, דער כח הדיבור! דאס איז נישט קיין קליינקייט דער כח הדיבור!

דער רבי זאגט דאך דא[סו], עס איז דא מענטשן וואס דורך זייערע דיבורים און דורך זייערע מעשים זענען זיי מבריח און שלעפן אוועק פון דעם 'כח המושך' - פון דעם צדיק.

געוויס איז געווען דארט לשון הרע מיט רכילות וואס מען האט אנגערעדט אויף אים.

און וואס איז געווען אויף רבי נתן'ען? וואס איז געווען אויפן רבי'ן? לשון הרע מיט רכילות, ליצנות, מען טראכט אויס אזעלכע זאכענישן.

דער רבי האט געהאלטן פון דעם עמדינער אויך!

(השואל: עס איז באוואוסט?) יא יא.

דער ווילנער גאון האט געזאגט אויף דעם רבי'ן ר' יונתן: "שכינתא בגלותא". מען האט אים געפרעגט: "נו, פארוואס שווייגט איר?" האט ער געזאגט: "איר ווייסט דאך, אז איך וועל זאגן א ווארט וועט מען מיך אויך" - - דער עמדינער האט טאקע א זאג געגעבן א ווארט: "דער ווילנער בחור וויל זיך שוין אויך אריינמישן?!" שארף געווען, זיי האבן אלע מורא געהאט פאר אים.

(השואל: דער גאון איז געווען אין דער צייט?) ער איז נפטר געווארן (י"ט תשרי) תקנ"ח - איז ער אוודאי געווען אין דער צייט, ער איז אלט געווען עטליכע און זיבעציג יאר.

עפעס א בריוו איז דא וואס ער האט אים געשריבן פארוואס ער נעמט זיך נישט אָן פאר אים, האט ער אים געענטפערט: 'איר ווייסט דאך, אז איך וועל זאגן א ווארט וועט מען אויף מיר אויך קריגן'.

---

[סו] עיין לעיל הערה טו.

(ר' נחמן: עס איז דא א בריוו פון גאון: "ספר תורה שרוי בצער") **יא, "ספר תורה שרוי בצער"; נאר קעגן דעם עמדינער האט ער נישט געוואלט - -**

❖

**ביים רבי'ן - קיינער האט זיך נישט אנגענומען פארן רבי'ן, און ברוך ה' - דעם רבי'נס זאך האט א קיום, עס האט א גרויסער קיום. פארוואס? ווייל די תפילות! אזא כח איז די תפילה פון דעם רבי'ן, די תפילות פון רבי נתן'ען! די תפילות האבן אזא מין כח אז דאס קומט איבער אלעס, דאס בלייבט! וואס הייסט 'עס בלייבט'? שטאַרק!**

**וואס דעם רבי'נס זאך ווערט אביסעלע מער נתפשט, איז שוין דא אנטקעגן א 'קול הברה'[סז] פון די מפורסמים מיט די מעשה'ס.**

**דעם רבי'נס זאך קענען זיי נישט בשום אופן איינבייסן, דאס צעהאקט זיי אינגאנצן אויף שטיקער, דאס צעקלאפט זיי אויף שטיקער; א זאך אָן א רבי'ן - און עס גייט אזוי, און עס גייט אזוי - מוזן זיי זאגן וואס זיי זאגן, אז נישט האבן זיי נישט וואס צו פארקויפן, דאס איז עס.**

**אונזער זאך איז נאר די זאך פון תפילה! וואס איינער האלט זיך אָן מער אין תפילה, אין התבודדות, אין די עצה פון חצות, איז ער מער נענטער צו דער זאך און שטארקער אין דער זאך.**

❖

## איינגעבאַקן

**און ווייטער; מען ווערט אנגערופן בשם המושאל 'ברסלב', אבער מען דארף טאקע זיין נאנט צו דעם רבי'נס זאך. דער רבי האט דאך געזאגט: "איינגעבאקן אין הארץ!" - פון דעם זענען זייער ווינציג דא וואס זענען דעם רבי'ן איינגעבאקן אין הארץ.**

---

[סז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, אות ז': וְקוֹל הֲבָרָה הוּא. דַּע, כִּי כְּשֶׁנִּתְעוֹרֵר קוֹל דִּקְדֻשָּׁה, אֲזַי מִתְעוֹרֵר מִמֶּנּוּ קוֹל דְּסִטְרָא אָחֳרָא, וכו' עיין שם.

(פעם אמר רבינו שיש לו שלוש כיתות חסידים:) **"עס איז דא א כיתה וואס קומען כאפן שיריים, און א כיתה וואס קומען הערן תורה, און א כיתה וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ". האט דער רבי דעמאלט געזאגט צו רבי נתן'ען מיט ר' נפתלי'ן: "איך וויל אז איר זאלט זיין פון די וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ!"**[סח].

דאס איז גאר אַן אנדער ווארט; (לכאורה) 'קומען הערן תורה' - דאס איז דאך א גוטע זאך, מען קומט דאך הערן תורה!? מילא א כיתה וואס קומט כאפן שיריים - איך ווייס - ער קומט דארטן פשוט געהאלפן ווערן - ער קומט כאפן שיריים, אבער אז ער קומט דאך הערן תורה איז דאך א גוטע זאך!? אבער דאס איז נאך נישט קיין (שלימות), 'איינגעבאקן אין הארץ' דאס איז גאר עפעס אנדערש!

איצטער איז אויך אזוי; דאנקען גאט אז מען איז טאקע נישט קיין מתנגד - דאס איז אויך שוין א זאך, אבער זיין איינגעבאקן ביים רבי'ן אין הארץ - דאס איז זייער ווינציג דא, זייער ווינציג.

עס איז אין יעדן דור דא אזעלכע; אז דער רבי האט ארויסגערעדט מפיו הקדוש אז ער וויל, דעמאלט איז דא אזעלכע וואס זיי זענען אים איינגעבאקן אין הארץ, נאר זייער ווינציג.

(ר' נחמן: דער רבי האט זיי געזאגט 'איך וויל', אדער ער האט זיי געוואונטשן?) נישט ער האט זיי געוואונטשן, נאר "איך וויל אז איר זאלט זיין פון די וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ!".

אין יעדן דור איז דא אזעלכע, נאר זייער ווינציג; ווער זיי זענען - ווייסט מען אויך נישט, אבער עס איז דא אזעלכע. אז עס איז ארוים מפיו הקדוש אז "עס איז דא אזעלכע וואס זענען מיר איינגעבאקן", איז דא אזעלכע וואס זענען אים איינגעבאקן אין הארץ; נאר ווער זיי זענען - ווייסט מען נישט, אבער אין יעדן דור איז דא אזעלכע!

---

[סח] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, אות קמ"ו.

"איזו היא עבודה שהיא בלב? זו תפילה!"[סט] פארשטייט מען אז דורך תפילה וואס דאס איז די 'עבודה שבלב', קען זיין אז מען זאל קומען דערצו אז מען זאל ווערן איינגעבאקן אין הארץ.

(אחד הנוכחים: מען זאל ווערן ביים רבי'ן איינגעבאקן!) יא יא, אוודאי, ביים רבי'ן! דער רבי האט אזוי געזאגט: "ביי מיר איינגעבאקן אין הארץ".

דאס איז א הויכע זאך, אבער יעדער איינער - וואס מער ער וועט זיך עפעס דערנענטערן צו דעם רבי'נס זאך, מיט א דיבור צום אויבערשטן, אריינקוקן אין דעם ספר, צדקה, וואס מערער מרבה זיין דעם 'כבוד רבינו', אט אזוי איז ער נענטער צו דער זאך.

'וויפיל נענטער' האט דאך נישט קיין שיעור, דאסווארט 'התקרבות' האט נישט קיין שיעור. מילא א גשמיות'דיגע זאך - אז איך שטיי לעבן אים, בין איך שוין דערנעבן - נאנט, אבער דאס איז דאך א התקרבות - דאס איז אַן אנדער זאך.

דאס 'התקרבות להשם יתברך' האט דאך אויך נישט קיין שיעור, דער אויבערשטער איז דאך אַן 'אור אין סוף', צדיקים זענען שוין אין גן עדן טויזענטער יארן און דער 'אור אין סוף' איז אזוי גרויס אז עס איז נישט שייך צו זאגן 'מען איז שוין (אנגעקומען)', נאר ווייטער און ווייטער און ווייטער[ע].

דאס אייגענע איז דא אויך אזוי, וואס איינער איז עפעס נענטער צו דער זאך, מיט וואס ער טוהט נאר, דארף עס זיין ביי אים נאך מער חשוב, מערער, מערער, מערער.

❖ ❖ ❖

---

[סט] גמ' תענית ב.

[ע] עיין ליקוטי ש"ס (להאריז"ל) על מס' ברכות, וז"ל: "תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב. הענין, כי בעולם שלאחר המיתה תלמידי חכמים עוסקים בתורה ועולין ממדריגה למדריגה ומישיבה לישיבה, כי **אפילו מרע"ה בכל יום ויום עולה ומשיג יותר**, כי כמו שהשי"ת אין לו סוף - כך תורתו אין לה סוף".

# **באַשיינען, אבער נישט פאַרפּוצן**

(ר' אברהם יצחק מערמלשטיין: אַן אינטערעסאנטע זאך, דער רבי זאגט[עא]: "וכל זמן שנשאר אצלו שום שכל עצמו אינו בשלימות ואינו מקושר להצדיק" - ער איז נישט מקושר צום צדיק!) **יא, "עַם נָבָל וְלֹא חָכָם"**[עב].

**יעדע עצה פון דעם רבי'ן, אז מען וויל עס צופוצן און אביסעלע אזוי געבן א דריי, טויג עס נישט. איי איך בין ווייט דערפון? אבער איך גלויב אין דער זאך, איך ווייס אז די זאך איז 'כהוייתו'! איך באַפּוץ נישט דער זאך, איך מאך נישט עפעס א פארפוצאכטץ.**

**אז דער רבי רעדט פון די נקודה פון 'חצות', איז דאס בפשיטות ובתמימות - אין דעם זמן, אין דער צייט! מאך נישט קיין שום חשבון - 'אז איך וועל שלאפן ביז שפעטער וועל איך אויפשטיין און מאכן אזוי' (וכדו') - פארפוץ נישט! אז עס בלייבט איבער עפעס אַן אייגענער שכל אין דער זאך, איז ער שוין נישט מקושר צום צדיק.**

**אזוי אויך אין התבודדות - רעדן צום אויבערשטן דיבורים - איז אויך דאס אייגענע, מאך נישט קיין שום פאַרפוצאכטץ, וויל נישט פארפּוצן דער זאך. אז דו ווילסט פארפּוצן דער זאך, איז דאס שוין אַן אייגענער שכל, איז ער שוין נישט מקושר צום צדיק. די זאך איז 'כהוייתו'. איי דו ביסט ווייט דערפון? ווייס אז 'איך בין ווייט דערפון', אבער ווייל איך בין ווייט דערפון וועל איך מאכן א שינוי אין דער עצם זאך?! די זאך איז א זאך אזוי ווי זי איז, אָן קיין שום שינוי, אט דאס איז עס, 'כהוייתו'. אויב מען מאכט עפעס א געדריי אין דער זאך, איז ער נישט מקושר צום צדיק.**

---

[עא] ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ג: הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטֹן וְדָבָר גָּדוֹל. וְלִבְלִי לִנְטוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סִפְרֵי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים): 'אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל' וְכוּ'. וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל, בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר. וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק.

[עב] עיין שם: וְהַיְנוּ שֶׁתִּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס (דְּבָרִים ל"ב): **"עַם נָבָל וְלֹא חָכָם", 'עַמָּא דְּקַבִּילוּ אוֹרַיְתָא וְלָא חַכִּימוּ'**. כִּי עִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה הָיָה עַל יְדֵי וְלָא חַכִּימוּ, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁהִשְׁלִיכוּ מֵאִתָּם כָּל הַחָכְמוֹת כַּנַּ"ל.

(ר' נחמן: דער רבי זאגט דאך אין תורה נ"ח[עג] אז מען דארף זעהן ווי אזוי ארויסצוגעבן תורתו; "תפארת - זהו שמדקדק איך להוציא חכמתו שלא יהיו נבזים!"?) **יא יא, "דִּבְרֵי פִּי חָכָם חֵן". אבער פון וועמען רעדט דער רבי דא? דער רבי רעדט דא פון דעם חכם.**

**דער רבי רעדט דאך דא, אז דער "עיקר קיומו של הדעת" איז דורך די 'אבות' וואס דאס איז "חסד גבורה תפארת". און 'תפארת', זאגט דער רבי, דאס איז "דברי פי חכם חן", ('שידקדק איך להוציא חכמתו') אז עס זאל נישט זיין 'נבזים'. רעדט ער דאך פון דעם חכם, אז דער חכם דארף האבן אין זיך די דריי זאכן צו האבן דעם 'דעת' בשלימות: 'חסד', דאס איז 'ללמד חכמתו לאחרים'. 'גבורה' איז, עס זאל זיין 'יראת חטאו קודמת לחכמתו'. און 'תפארת' איז, עס זאל זיין 'דברי פי חכם חן', עס זאל נישט זיין 'נבזים'. מיינט דאך דער רבי דעם חכם אליין.**

**למשל, אז איך לערן אפ א שטיקל ליקוטי מוהר"ן, מוזטו דאך אביסל מסביר זיין. נאר דער רבי מיינט דא עפעס אנדערש, אז ער וויל מסביר זיין און געבן א קנייטש אין דער עצם עצה, דאס טאר מען נישט.**

## אט דאס האט ער געמיינט!

**דער רבי האט געזאגט: "איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט, אבער נישט אראפגיין פון קיין סעיף קטן פון שולחן ערוך!".** קומט אויס, עס איז דא אזא מין סארט זאך, דו קענסט קנייטשן אזוי פשט - צו אזוי פשט, קנייטש דעם ספר ווי אזוי דו ווילסט - דאס אַרט מיר נישט, אבער דער פשט זאל נישט געבן א ריר דער עצם זאך, מאך נישט קיין שינוי אין דער עצם זאך.

---

[עג] ליקוטי מוהר"ן, שם באות ה', וזל"ש: וְעִקַּר קִיּוּמוֹ שֶׁל הַדַּעַת, עַל יְדֵי הָאָבוֹת, שֶׁהֵם: 'חֶסֶד' 'גְּבוּרָה' 'תִּפְאֶרֶת'. 'חֶסֶד', הַיְנוּ בְּחִינַת אַבְרָהָם. הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ לְלַמֵּד חָכְמָתוֹ לַאֲחֵרִים, וּלְקָרְבָם תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה. בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ל"א): "וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ", וְאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סֻכָּה מ"ט:): 'זֶה הַלּוֹמֵד עַל מְנָת לְלַמְּדָהּ', וְזֶה בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית י"ב): "וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן". 'גְּבוּרָה', זֶה בְּחִינַת 'שֶׁמַּקְדִּים יִרְאַת חֶטְאוֹ לְחָכְמָתוֹ' (אָבוֹת פֶּרֶק ג). 'תִּפְאֶרֶת' זֶהוּ שֶׁמְּדַקְדֵּק אֵיךְ לְהוֹצִיא חָכְמָתוֹ, שֶׁלֹּא יִהְיוּ נִבְזִים, בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת י): "דִּבְרֵי פִּי חָכָם חֵן". וְזֶהוּ: 'חַד בִּתְלָת קָיְמָא'.

אז דער רבי רעדט דאס גרויסקייט פון שולחן ערוך - ווערסטו ווערן מאכן אז דער רבי מיינט עפעס אנדערש?!... ער מיינט טאקע דעם 'שולחן ערוך' בפשיטות - דאס מיינט דער רבי!

אז איך גיב נאר עפעס א דריי אין דער עצם זאך - טויג שוין נישט, עס איז שוין אַן אנדערע זאך, עס איז נישט דאס, דאס הייסט שוין 'דעת עצמו'.

עס איז דא אמאל אזעלכע לשונות אין חז"ל: "מה אעשה" "יצרו תקפו". אז איינער רעדט אמאל צום אויבערשטן דיבורים: "רבונו של עולם, וואס זאל איך טוהן?!" - דאס איז אַן אמת. אבער נישט זאגן, 'וויבאלד איך קען נישט מוז איך מאכן עפעס א שינוי אין דער עצם זאך!' איך טאר נישט דרייען קיין 'קוצו דאות ד'', איך טאר נישט דרייען קיין 'תג' פון דער תורה.

די תורה איז אמת 'מתחילתו ועד סופו'! איי אז מיר איז שווער - אמאל איז טאקע דא אז ער איז באמת א חולה, איז דא הלכות פאר א חולה אויך ווי אזוי ער דארף זיך פירן.

דער רבי האט געזאגט: "אז מען איז געזונט - זאל מען טוהן און טוהן און טוהן; נישט געזונט - איז אוועקגעלייגט דאס שערן אייזן!"[עד]. אויף יעדער זאך איז דאך דא אלץ הלכות.

איז אויך דאס אייגענע; דער חולה קען נישט זאגן - 'וויבאלד ער איז א חולה וועט ער ווערן מאכן א שינוי' - נאר איך בין פטור אין דער זאך; מארגן אז איך וועל ווערן געזונט, בין איך צוריק חייב; איך גיב אבער נישט קיין דריי אין דער עצם זאך.

עס איז פארהאן אמאל מענטשן וואס זיי גיבן א קוועטש - 'נישט דאס האט דער רבי געמיינט'... דאס טויג שוין נישט - דו דרייי נישט! מיטן דרייען ווערסטו נישט מאכן קיין אנדערע זאך! אט דאס האט דער רבי געזאגט - און דאס מיינט ער!

---

[עד] את העבודה הקשה והמפרכת של ניסור וחיתוך הברזל היו נותנים בשעתו למשולחים לארץ גזירה, וכמעט שלא היו יכולים לעמוד בקושי העבודה, והיו רבים מתים באמצע עבודתם (רלוי"צ). (שיש"ק החדש ח"ג, אות קפ"א בהערה שם)

# אנהויבן פונדאָסניי

(ר' נחמן: רבי נתן רעדט טאקע וועגן 'טרינקען פארן דאווענען', "ותולין עצמן באילן גדול" אז זיי טרינקען אויך, ווייל עס איז געווען אזעלכע וואס זענען געווען קראנק האבן זיי געמוזט עפעס טרינקען) **יא יא**[עה].

עס איז נאך א זאך דא; אז זיי גייען דאווענען שפעט, חלש'ט דאך דאס הארץ, האבן זיי א סעיף שולחן ערוך אז אויב מען קען נישט דאווענען בכוונה מעג מען עסן. אבער דער חסרון איז דערפאר ווייל דו דאוונסט שפעט - ער דאוונט שפעטער מיט דריי שעה. אז דו וועסט דאווענען פריער וועסטו נישט קומען דערצו...

אין תורה ס"ב זאגט דער רבי דארטן[ע]: "מעלה זיין דעם דיבור איז דורך תענית". זאגט רבי נתן דארט אין די הלכה[עז], דאס איז די 'תענית שעות' פון פארן דאווענען; האבן מיר עטליכע שעה פארן דאווענען א תענית.

(השואל: דאס מיינט מען פון חצות?) פון ווען מען שטייט אויף - אז איך בין אויף ביינאכט מעג איך דאך עסן אפילו שפעטער אויך; אבער אז מען שטייט אויף, שיינט שוין דעמאלט דער 'אור התפילין', טויג שוין נישט (צו עסן און טרינקען).

---

[עה] עיין ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"ג, אות ה': **וְעַל כֵּן אָסוּר לֶאֱכוֹל קֹדֶם הַתְּפִלָּה. וּבַזֹּהַר** (ויקהל ד' רט"ו ע"ב) **וּבַכְּתָבִים מַחְמִיר מְאֹד מְאֹד. שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁקָּם בַּחֲצִי הַלַּיְלָה אָסוּר לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת עַד אַחַר הַתְּפִלָּה.** וְכָל הָאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה אָז, נֶחְשָׁב כְּעוֹנֵן וּמְנַחֵשׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן עַיֵּן שָׁם. לֹא כַּאֲשֶׁר רָבוּ עַתָּה הַמִּתְפָּרְצִים בָּעָם לִשְׁתּוֹת קֹדֶם הַתְּפִלָּה עַד שֶׁנַּעֲשָׂה אֶצְלָם כְּהֶיתֵּר **וְתוֹלִין עַצְמָן בְּאִילָן גָּדוֹל, מַה שֶּׁמָּצְאוּ קְצַת צַדִּיקִים שֶׁהָיוּ חוֹלִים גְּדוֹלִים וְשָׁתוּ קֹדֶם הַתְּפִלָּה, כִּי הָיוּ מֻכְרָחִים לָזֶה.** וְהֵם מִתְדַּמִּים אֲלֵיהֶם כְּקוֹף בִּפְנֵי אָדָם וּמְעַקְמִין אֶת עַצְמָן אַחֲרֵיהֶם וּמְמַלְּאִים כְּרֵסָם בִּשְׁתִיַּת קאווי קֹדֶם הַתְּפִלָּה עַד שֶׁנִּמְצָא גַּם קְצַת שֶׁאוֹכְלִין גַּם כֵּן קֹדֶם הַתְּפִלָּה, אוֹי לָהֶם, אוֹי לְנַפְשָׁם, כִּי הוּא אִסּוּר חָמוּר מְאֹד, כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות י') וּבִפְרָט בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּבִכְתָבִים וְאֵין לָנוּ לְדַמּוֹת עַצְמֵנוּ לְצַדִּיקִים גְּדוֹלִים אֲשֶׁר רוּחַ אַחֶרֶת אִתָּם, וּבִפְרָט שֶׁהָיוּ חוֹלִים גְּדוֹלִים. וְגַם כִּי רֹב הַצַּדִּיקִים לֹא נָהֲגוּ כָּךְ וְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ ז"ל סִפֵּר שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא שָׁתָה אֲפִלּוּ מַיִם קֹדֶם הַתְּפִלָּה, אַף עַל פִּי שֶׁמִּדִּין הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ מוּתָּר לִשְׁתּוֹת מַיִם, אַף עַל פִּי כֵן הוּא לֹא שָׁתָה אֲפִלּוּ מַיִם קֹדֶם הַתְּפִלָּה.

[ע] ליקוטי מוהר"ן שם אות ה': וּלְהַעֲלוֹת נִיצוֹצֵי הַדִּבּוּר, צָרִיךְ לְתַעֲנִית.

[עז] שם: וְעַל כֵּן אָסוּר לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת קֹדֶם הַתְּפִלָּה, כִּי צְרִיכִין לְהַרְעִיב עַצְמוֹ קֹדֶם הַתְּפִלָּה **שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תַּעֲנִית שָׁעוֹת שֶׁבְּכָל יוֹם מַרְעִיבִין עַצְמָן וּמִתְעַנִּין קֹדֶם הַתְּפִלָּה.** וְעַל יְדֵי זֶה ממשכין הֶאָרָה מִבְּחִינַת תַּעֲנִית לְדַבֵּק אֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה כְּדֵי לְהוֹצִיא הַדִּבּוּר מִמֵּצַר הַגָּרוֹן, כְּדֵי לְקַשֵּׁט הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הַמִּתְחַדֶּשֶׁת בְּכָל בֹּקֶר, כְּדֵי לִזְכּוֹת לְדִבּוּר שֶׁל הַתְּפִלָּה בִּשְׁלֵמוּת, כִּי הַתְּפִלָּה הִיא בְּחִינַת אֱמוּנָה כַּיָּדוּעַ,

(השואל: אז מען וועקט זיך אויף פאר חצות?) **אז מען שטייט אויף עטליכע מינוט פאר חצות זאל מען עסן?! מען שטייט דאך אויף צוליב דעם אז מען זאל אפרעכטן חצות.**

**אז איינער כאפט זיך אויף אזוי און ער לייגט זיך באלד צוריק שלאפן - קען מען יא עפעס טועם זיין, אבער ער שטייט דאך אויף ווייל ער וויל דאך אויפשטיין; אז ער שטייט אויף פריער מיט צען מינוט, וועסטו זאגן אז אין די צען מינוט וועט ער גיין עסן, וואספארא ווערטער איז דאס?!**

(השואל: ווי קען מען אזוי זיין ביז נאכן דאווענען? עס איז דאך זייער שווער צו זיין אָן עסן דעם אנדערן האלב נאכט?) **אט דאס הייסט א תענית - א תענית שעות. א תענית פון א גאנצן טאג - דאס האט דער רבי נישט געהאלטן[עח], אבער פון דעם תענית האלט יא דער רבי - מען זאל נישט עסן פארן דאווענען, נישט טרינקען פארן דאווענען.**

**דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך מקרב זיין איבער א נייעס צום רבי'ן, גיין איבער א נייעס אין דעם חדר. דער רבי לערנט מיט אונז "קמץ אלף"[עט]. דאס זאל זיין**

---

שֶׁהִיא נִשְׁלֶמֶת עַל יְדֵי תִּקּוּן הַדִּבּוּר, כִּי עִקַּר הַתְּפִלָּה הוּא בְּדִבּוּר דַּוְקָא. וּשְׁלֵמוּת הַדִּבּוּר הוּא עַל יְדֵי שֶׁמַּרְעִיב עַצְמוֹ בְּתַעֲנִית. וּמְשַׁבֵּר תַּאֲוַת אֲכִילָה כַּנַּ"ל. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לְהִתְעַנּוֹת וּלְהַרְעִיב עַצְמוֹ עַל כָּל פָּנִים קֹדֶם הַתְּפִלָּה שֶׁאָז אִסּוּר גָּדוֹל מִדִּינָא לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת כַּנַּ"ל, כִּי צְרִיכִין בְּכָל יוֹם קֹדֶם הַתְּפִלָּה לְהַרְעִיב עַצְמוֹ לְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת תַּעֲנִית כְּדֵי לְתַקֵּן הַדִּבּוּר שֶׁל הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תִּקּוּן וְקֻשְׁיוֹת הָאֱמוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל, כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל, עַיֵּן שָׁם.

[עח] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תי"א.

[עט] עיין טעם זקנים קונטרס ז': רבי נתן האט געזאגט אויף דער תורה ס"ו: **"דער רבי לערנט מיט אונז 'קמץ אלף'!"** (בתורה ס"ו מדבר רביז"ל מענין בחינת 'אלף', ומענין נקודות, והגדולה שבכולם הוא בחי' 'קמץ', עיי"ש). "קמץ אלף" גייען מיר אין חדר אריין - ס'איז א 'חדר' - דעם רבי'נס חדר! נישט קיין חדר וואס דו לערנסט 'גמרא מיט תוספות' - נאר א חדר וואס מען דארף לערנען "קמץ אלף"! אנהויבן לערנען "קמץ אלף"! וואס זאגט דער רבי?! און וואס וויל דער רבי?! פאלגן דעם רבי'ן. גם עיין עלים לתרופה במכתב מאור ליום ו' ערשב"ק בלק ת"ר: הֶחֱיֵיתָ אֶת נַפְשִׁי בַּמֶּה שֶׁהִזְכַּרְתָּ שֶׁמְּחַיֶּה אוֹתְךָ **קָמֵץ אָלֶף. וּבֶאֱמֶת צְרִיכִין לְהַתְחִיל לִלְמֹד עִמְּךָ וְעִם כֻּלָּנוּ מֵחָדָשׁ קָמֵץ אָלֶף** בְּכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה שֶׁגִּלָּה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. **וְתַתְחִיל מֵחָדָשׁ מַמָּשׁ קָמֵץ אָלֶף בְּהַתּוֹרָה.** גם עיין שם במכתב מיום ד' משפטים תר"ב: וְהֶחֱיֵיתָ אוֹתִי גַּם כֵּן בְּמִכְתָּבְךָ שֶׁקְּרָאתִיו הַיּוֹם שֵׁנִית בַּמֶּה שֶׁכָּתַבְתָּ **שֶׁצְּרִיכִין לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ קָמֵץ אָלֶף** וְכוּ'. כֵּן הַדָּבָר בְּוַדַּאי מִי יִתֵּן שֶׁנִּזְכֶּה לֵילֵךְ בָּזֶה כָּל יָמֵינוּ בְּכָל מַה שֶּׁיַּעֲבֹר עָלֵינוּ, אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה נִזְכֶּה בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת לְהִתְעוֹרֵר מֵחָדָשׁ. כִּי זֶה הָעִקָּר שֶׁבְּכָל הָעִקָּרִים שֶׁהֻזְהַרְנוּ עַל זֶה בְּפָרָשַׁת קְרִיאַת שְׁמַע אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם בְּכָל יוֹם וָיוֹם יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כַּחֲדָשִׁים כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וְכֵן בִּתְחִלַּת מַתַּן תּוֹרָה

די כוונה פון דאס התקרבות, קיין אנדערע געדאנקען טאר מען נישט טראכטן, נאר דאס איז דער אמת׳ער געדאנק.

דאנערשטאג איז שוין ראש חודש, די לידה פון דעם רבי׳ן - ראש חודש ניסן, דעמאלט איז געפאלן שבת אום פסח. שבת הגדול איז געווען דער ברית[פ] - דעם אנדערן שבת איז געווען פסח.

❖

---

כְּתִיב בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינַי וּפֵרֵשׁ רַשִׁ״י שֶׁבְּכָל יוֹם יִדְמֶה כְּאִלּוּ הַיּוֹם הַזֶּה קִבַּלְתָּ הַתּוֹרָה, וְכֵן פֵּרֵשׁ רַשִׁ״י כַּמָּה פְּסוּקִים בַּתּוֹרָה כְּמוֹ הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם וְכוּ׳ וְכֵן הַרְבֵּה, וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צָעַק אֵלּוּ הַתֵּבוֹת בְּקוֹל עָמֹק וְחָזָק **״אַלְט טָאר מֶען נִיט זַיין״**.

[פ] עיין חיי מוהר״ן אות ק״ד.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**מו"ה משה יצחק שטיינער הי"ו**
מאנסי
לרגל נישואי בנו החה"ח
כמר יואל יהודה נ"י
למזל טוב

**מו"ה מרדכי צייטלין הי"ו**
ניו העמפסטעד
לרגל נישואי בתו עם החה"ח
כמר נתן בנימין רויז נ"י
למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי**
**בן-ציון בן מיינדל**
לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים



בס"ד
אנשי בשורה אנחנו היום!
הופיע!
ספר טעם זקנים
שיחותיו הנלהבות והבהירות של
רבי לוי יצחק בענדער ז"ל
מתובלות בסיפורי עובדות מאנ"ש בדורות הקודמים
מקובצות בכרך אחד כל השיחות שנאמרו בחורף תשל"ה
ואלו הן המעלות שנתוספו על הקונטרסים השבועיים:
הגהה נוספת מתוך הטייפס
הרבה תיקונים והוספות
כותרות חדשות לאורך כל הספר
תוכן עניינים מפורט בראש הספר
מפתח לפי אישים
ועל כולם: עימוד חדש מאיר עיניים
שיחות סיפורים ועובדות
אידיש
שנת תשל"ה
מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל
להשיג בכל נקודות הפצת ספרי רביה"ק
הפצה ראשית בארץ ישראל: הפצה ווינקל - 055-6763126